STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06022

TANAKH-POEMES

Hirsh Osherowitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש אָשעראָוויטש

תנך-פּאָעמעס

פֿאַר [illegible]
אָשר [illegible] —
[illegible]
הירש אָשעראָוויטש
תל-אָביב, 27.5.1985

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פֿון פֿאָנד א״נ פֿון אַברהם דב אַבראַהאַמס
און קרן ג׳חף כגן

Mr. & Mrs. Hirsh Osherowitch
13, Byron Street
63411 Tel-Aviv, Israel

הירש אָשעראָוויטש

תנך־פּאָעמעס

פאַרלאַג ״רשפים״

HIRSH OSHEROWITCH

TANAKH-POEMES

.1979 ©

הילע געצייכנט פון צפניה קיפניס

דער טורעם פון בבֿל

— שלאַנג, וואָס האָסט פאַרפירט די מוטער חוה,
אַרום בוים געוויקלטע חכמה,
זאָג אונדז: איז עס אמת, אַז די טרוימען
זענען דאָס, וואָס מאַכט אונדז גרויס?

איז עס אמת, — זענען מיר צופרידן,
איז עס ליגן, — וועט עס אונדז ניט בײַטן.
ס׳יוירט און ברויזט אין אונדז אַזאַ־אַ אומרו,
אַז מיר קענען שוין ניט אַנדערש זײַן.

וואָס האָסטו עס מיטן עק געטאָן אַ פּאַטש,
ביטולדיק אַ מאַך געטאָן אויף אונדזער פראַגע?
וואָס זשע העלפט עס, וואָס דו ביסט אַ קלוגע,
אויב דו בײַ דײַן קריכן בלײַבסט?

1

— עס איז אונדז אַזוי ליב די ערד,
און ס׳ציט, און ס׳ציט אונדז צו דעם הימל.
זינט מיר גענומען האָבן עפּעס־וואָס פאַרשטיין,
מיר קענען שוין ניט מער,
עס זאָל ניט אַלץ אונדז קלאָר זײַן.
אַנטאַפּן מיר ווילן די לבנה
און צונויפקערן אין קופּקעלעך די שטערן.

— מיר זענען ליים, וואָס האָט דערוואַכט,
און מיטן וואַך זײַן זיך דערפרייט.
דאָך פרייד איז ניט צופרידנקייט;
אַ, סאַראַ שטראָף ס׳איז אַ פאַרשטאַנד,
וואָס מאַכט פאַרשטיין,
אַז מען פאַרשטייט ניט...

— ס'האָט אַ לייב צו אונדז פאַרבלאָנדזשעט
און דערפילט זיך שוואַך און עלנט,
ווען ער האָט דערזען, ווי ס'ווירבלט
שוואַרצער רויך פון רויטן פלאַם.
האָט ער זיך אַ קער געגעבן
מיט דער גריווע צו דעם מידבר,
זיך צעריטשעט, ווי פאַרוווּנדיקט,
און אַוועקגעפאַלן טויט...

— לאַנג האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען,
האָבן מיר דאָן אַלץ פאַרשטאַנען...
וואָס זשע אָבער טוט מען איצטער,
ווען מיר האָבן שוין פאַרשטאַנד,
און דער הימל בלײַבט אַ פרעמדער,
און די שטערן גלאָצן ווײַטע?
יאָ, אָן וויימיק איז ניטאָ קיין לעבן,
אָבער מיט אים איז אַוודאי דאָך ניטאָ...

— אַ פלאַטערל האָט צוגעזעצט זיך אויף אַ שטיין:
אָ, זע: מיר זענען, ווי זיי ביידע.
מיר — אי דער אומרו, אי די רו,
מיר זענען פאַרביקע און גרוי,
מיר גליווערן און שוועבן.

— ווי זאָל מען צופרידן זײַן
און זיך פרייען מיט דער שײַן,
האָמערן די וואָר בײַ טאָג,
האָדעווען דעם טרוים בײַ נאַכט,
ווען אַ קינד אַפילו זעט:
די לבנה און די זון
אונדז טאָג־אײַן טאָג־אויס פאַרראַטן? ...

— אונדזער צער אַראָפּצושווענקען,
האָבן וויַין מיר אויסגעפּונען.
איז ער אָבער גרייַלעך פליסיק,
און אַנשטאָט דאָס האַרץ צו וואַשן,
שווענקט ער אונטער קאָפּ און פיס.
ווערן תּנועות רויִקיק לייַכטע,
ווערן גלידער ליימיק שווערע,
לייַב און דער געדאַנק זיך וואַקלען,
און דער צער אין האַרץ זיצט פעסט...

— פלוצעם האָבן מיר באַגריפן:
מיר גאָר לעבן ניט אין הייַזער,
מיר באַהאַלטן זיך אין זיי...
ביטער איז אין מויל דער ביסן,
ווען ס'ווערט קלאָר דער בייזער אמת,
אַז מען שפּיגלט זיך אין טעות,.
אַז דעם וועג פאַרצוימען סודות...
דאָס פאַרהוילענע טוט שרעקן,
מיר דאָך ווילן שרעקלאָז זייַן!

— באַרג-אַראָפּ טרעטן איז גרינג,
באַרג-אַרויף שטייַגן איז שווער.
ס'גייט זיך לייַכט, ווּהין אונדז ציט ניט,
ס'גייט זיך שווער, ווּהין אונדז ציט.
ניין, מיר קענען ניט פאַרבלייַבן
נאָר אַזעלכע, ווי מיר זענען!
בלויע בענקשאַפט קוואַלט אין אונדז,
רויטער ווייטיק פליסט דורך אונדז;
אָפּסמאַליען זיך, אָבער אָנרירן די זון!

2

— ציגל, שטיין,
זאַמד און ליים...

מי און מידקייט
אונדז ניט ברעכן,
צו דעם הימל שטײַגן מיר,
אונדזער גרויסקייט זוכן מיר!

וויפל האָבן מיר געפינצטערט
אויף אָט דער באַזונטער ערד!
שוין גענוג, עס זאָל גענוג זײַן
נאָר אָט דאָס, וואָס איז באַשערט!

מיר באַדאַרפן איצטער נעמען
וואָס עס מאָנט אונדזער פאַרלאַנג.
פאַר מלאכים זיך צו שעמען
אונדז דערווידער איז שוין לאַנג.

וואָס איז מלאך? — מענטש מיט פליגל;
מענטש, וואָס קען אין הימל זײַן.
וועלן מיר אויף שטיין און ציגל,
ווי אויף פליגל, דאָרט אַרײַן...

און נאָך מער, נאָך מער מיר ווילן,
אונדזער האַרץ מער זיך דערוועגט —
מיר מיט גאָט ווילן זיך שפּילן!
אונדז די שטראָף ניט שטענדיק שרעקט...

צו דעם הימל שטײַגן מיר,
אונדזער גרויסקייט זוכן מיר!

נאָך אַ שטיין אַרויפגעוואַליעט.
ניט אַ שטיין — אַ הליבע פעלדז.
ווידער איז די וואַנט געוואָרן
העכער אויף אַ גאַנצן מענטש.

מיר אַרײַן זענען אין וואָלקן —
הימל־שאָלעכץ, פײַכטע רו.

ווײַס... ווי עמעץ אויסגעמאָלקן
וואָלט אַ ווונדערלעכע קו...

הייבן מיר די אָרעמס שנעלער
און מיר טראַכטן זיך דערבײַ:
ביזן וואָלקן איז אַלץ קעלער,
איבער אים ערשט — דאָס געבײַ...

צו דעם הימל שטײַגן מיר,
אונדזער גרויסקייט זוכן מיר!

— אין די בלויע הויכע פרעמדן
ווערן שיטערער פאַרדראָסן.
דאָרט, ווו ס'זעצט זיך ניט קיין שטויב אָפּ,
ווי געשײַערט, בלאַנקט די פרייד.

שטײַגן מיר אַלץ העכער, העכער,
ווערן אונטן היימען קלענער;
קושן מיר זיך מיט די ווינטן
און פאַרגעסן ווײַב און קינד...

מיר אַליין שוין ניט פאַרשטייען,
ווי געקענט האָבן מיר לעבן
צווישן אייזלען און שאַקאַלן,
ליגן צווישן פליי אין זאַמד,

ווען ס'איז דאָ אַזאַ־אַ הימל —
אַזאַ ליבלעכע לבנה,
אַזוי פ י ל פאַרשײַטע שטערן,
אַזאַ ברייטהאַרציקע זון?!

— זעט, אַ גרויער שטיינבאַרג־אָדלער
דורכגעשניטן האָט דעם וואָלקן.
שוין זשע ווען מיר דערלאָזן,
אַז עס זאָל דעם פויגלס פליגל
אָניאָגן דעם מענטשנס האַנט?

אונדז דעריאָגן טאָר ניט קיינער,
ס'איז די צײַט, ווען מיר דעריאָגן,
ווען מיר רײַסן זיך צום הימל
אויפן אויסטערלישסטן לייטער,
טרעטנדיק אויף זײַנע שטאַפּלען:
שלאַנג, לייב, אָדלער, מלאך, גאָט!

— אָ, דו גרויסע פרייד פון שטײַגן,
שיכּורסט אײַן!
נאָך דעם הימל ניט געפונען
און די היימען שוין פאַרלאָרן,
אָבער ס'לוינט!
אונדזער האַנט, פאַרגרעבט פון בויען,
איז נאָך פעיִק ליכט צו גלעטן,
אונדזער האַרץ, פאַרקוואַרט פון בענקשאַפט,
קען נאָך זײַן אַ נעסט פאַר גליק.
אין דער ערד אַזוי פאַרליבטע,
זענען מיר פון איר אַנטלאָפן;
אמת, זי איז אונדזער מאַמע,
ס'קען אָבער אונדז ניט גענוג זײַן
לעבן נאָר אין מאַמעס שויס...

— ניט אומזיסט איז דאָך די קעלניע
אַזוי ענלעך צו אַ פליגל.
אַ דאַנק איר מיר װעלן קומען
דאָרט, ווו אונדז צו זײַן ניט קומט.
ווײַסער מלאך — גאָטס באַדינער,
קוק זיך צו צו אונדזער פליגל:
ער איז אומרייִנער פון דײַנעם,
ער איז אָבער אונדזער ווערק.
טאָג און נאַכט מיט אים מיר פאָכען,
ניט אין לופט, אין ליים מיר פּאַטשן,

און פון דעסטוועגן מיר שטײַגן
אין די הייכן, פונקט ווי דו.

שטיל האָסטו פאַרבײַגעפלאַטערט —
זיך געהיט, עס זאָל דײַן פליגל
אונדזער קעלניע ניט פאַרטשעפּען;
זייער קלוג האָסטו געטאָן.
ווען זיי שטויסן זיך צוזאַמען,
וואָלט דײַן פליגל זיך צעבראָכן,
און מיר ווילן עס ניט, מלאך.
אונדזער קעלניע שעצט דײַן פליגל,
אונדזער אײַזן שוינט דײַן פעדער.
מי אַלץ׳ איינם וועט איבעריאָגן
זאַרגלאָז פלאַטערדיקן שוועב...

— טײַכן פרת, חדקל, כּבָר,
אַכפּערט אונדזער שטאָלצן דור!
מיר זענען די ערשטע,
דערפאַר אויך די גרעסטע,
מיר האָבן דערטראַכט זיך
און האָבן געוואַגט.
שטײַגן מיר אַלץ העכער, העכער,
דעקן אָפּ, אַנטבלויזן סודות;
אַלצדינג קענען, אַלצדינג וויסן,
אַלץ אַנטפּלעקן און באַהערשן —
אונדזער מענטשן־תּאווה איז!

— ס׳פאַלן הײַנט אַזוי פיל שטערן...
קוקן מיר זיך צו צעקלעמטע
און מיר פילן: ס׳איז אַ שאָד!
אויף דער ערד געפינט מען זיי ניט,
און פון הימל זיי פאַרשווינדן;
וועלן זיי געווים אונדז פעלן,
ווען מיר׳ן אין הימל זײַן.

מיר אַהין נאָך ניט געקומען,
ווײַט פֿון שפּיץ נאָך איז דער טורעם,
אָבער שוין די הימל־דאגות
פֿרעסן אונדזער ערדיש האַרץ...

— שווער אַזוי איז הײַנט דאָס בויען.
ס'איז דער מילדער ווינט פֿון נעכטן
הײַנט אַ שטורעם אויפֿגעשטאַנען.
קיין מאָל האָט נאָך ניט געטראָפֿן,
אין דער הויך זאָל אַזוי ווירבלען.
אפֿשר דאַרף עס גאָר באַדײַטן,
אַז אַזאַ, וואָס ניט געזען בלײַבט,
אונדז בכּיוון בויען שטערט?
זאָלן, זאָלן זיי אונדז שטערן,
די פֿאַרריסענע מלאכים!
קיינער וועט דעם מענטש ניט צוימען,
ווען אין אים זײַן שטרעבונג ברויזט.
מיר געשמיסן האָבן לייבן,
סטאַדעס העלפֿאַנדן געבונדן,
אָנגעכאַפּט די ווילדסטע אָדלערס
פֿאַר די האָקן פֿון די שנאָבלען,
וועלן מיר אויך די מלאכים
אויסלערנען צו האַלטן שטאָט!

— זאָגט ניט, ס'איז די הייך סכּנה.
שיכּורע פֿאַרגעסן מורא,
ס'טו'עטן די לבנה־גייערס
שרעקלאָז אויפֿן שפּיץ פֿון דאַך.
ווי עס זאָל ניט זײַן געפֿערלעך,
פֿרייט אונדז, וואָס דער קאָפּ אונדז שווינדלט.
די פֿאַרשיכּורטע פֿון זוכן
ווילן גאָר ניט ווערן ניכטער,
כּל־זמן ס'פֿעלט זיי דאָס געפֿינס.

גוט איז אונדז דאָ אויפן טורעם:
ווייל איז קעגן זון זיך זשמורען,
זים אַזוי איז מיד צו ווערן
פון אומזיסטן ציילן שטערן.
און מיר פיבערן אין חלום,
ווען מיר שלאָפנדיק דערפילן:
אונדז לבנה־מילך פאַרגיסט...

3

— אויף די בערוועגעס אַ שלאַנג ליגט?
ווי איז זי אַהער געקומען?
ווי קען אַזוי הויך פאַרקריכן
די, וואָס פויזעט אויפן בויך?
דאָ, ווו ס׳גרייכט שוין ניט קיין שפּאַרבער,
ווו קיין פאַלק קען ניט דערפליִען,
זי — די מלכּה פון די ווערעם —
שלומערט פּונקט ווי אויף דער ערד.
ליגט זי קעגן דער לבנה,
אויסגעשטערנט איז איר רוקן,
ווי אַ שמאָלער פּאַסיק הימל
ליגן וואָלט אויפן געהילץ...
אָ, מען דאַרף זיך גוט באַדאַכטן:
אויב עס קען די שלאַנג דערפּויזען
ביז צום סאַמע שוועל פון הימל,
טויג דען אַזאַ הימל אונדז?
איז דען נייטיק אונדז אַ טורעם,
שרצים זאָלן קענען קומען
לייגן אייער אויף דער זון?

— אַלץ מיר ריידן וועגן הימל!
און ווו איז ער דען דער הימל?

ווי דער טורעם זאָל ניט הויך זײַן,
זענען מיר אַלץ איינס אויף דר׳ערד.
ווען אַ הון אַ מאָל אַ פּלי טוט,
רײַסט זי אויך זיך פון דער ערד אָפּ.
מיר דאָך — העכער פון די וואָלקנס —
בלײַבן צו דער ערד באַהעפט...
אונדזער לעבן איז אַ פּלאָנטער
פון פאַרלוירנקייט און אומרו.
אָפּט אַזוי עס פײַניקט צווייפל,
בענקשאַפט גריזשעט אונדזער האַרץ.
לאַנג געווען מיר זענען נישטיק,
נאָכגיביק אַזוי ווי רינדער,
האָט זיך אונדז פאַרגלוסט זײַן געטער,
האָבן מיר פאַרשפּילט דעם מענטש...

— הרגעט אים, ער איז אַ נביא,
און אַ נביא איז אַן אַכזר
און אַן אויסראָטער פון גליק!
יעדערער, וואָס זאָגט דעם אמת,
צי ער וויל עס, צי ער וויל ניט,
אונדז דעם פאַרגעניגן רויבט!

— אויב אײַך גלוסט זיך פאַרגעניגן,
אויב אײַך קימערט ניט דער אמת,
וואָס זשע קריכט איר צו דער זון?

— ווײ! ער איז אַ פאַלשער נביא!
יעדער נביא איז אַ פאַלשער,
דאָך דער **פאַלשער** צוויי מאָל פאַלש איז,
איז ער צוויי מאָל ווערט דעם טויט.
וואַרפט אַראָפּ אים און פאַרשטיינט אים!
ווען עס לעבט דערבײַ אַ נביא,
זעט מען, אַז מיר זענען בלינד...

— טאַדלט! זידלט! שפּײַט אין פּנים!
איך פון לאַנג צו דעם געוווינט בין.
יעדן וואָרזאָגער מען האַסט!

— ניט נאָר וואָרזאָגערס מיר האַסן,
מיר די וואָרהייט גופא האַסן,
אויב זי פּענטעט אונדזער טרוים...
מיר געזוכט האָבן דעם אמת,
און אים, ווי צו אונדז, געפונען,
אַז ער ליגט אַרומגענומען
מיטן שקר אויפן מאַרק...

— פּוילן מעג ער, אײַער אמת!
ס׳איז דעם מענטשן קלאָרקייט נייטיק;
און דער אמת תּמיד שאַרף איז,
דאָך ניט שטענדיק איז ער קלאָר.

— אויב ניט קלאָר, איז דאָך נאָך בעסער!
בלאַנקע לויטערקייט אָן נעפּל
איז די אומווירדיקסטע פעלשונג.
זאָל שוין בעסער זײַן אַ וואָלקן!
זאָל אַפילו זײַן אַ כמאַרע!
גליק האָט פּײַנט, ס׳זאָל אַלצדינג קלאָר זײַן.
סאַראַ לעבן איז, ווען אַלץ איז קלאָר?

— ברידער-בויערס, שטאָלץ פון בבל,
וואָס איז דאָ מיט אונדז געוואָרן?
שוין דרײַ טעג מען בויט פון ווערטער
און די ציגל-קופּע ליגט...
גליק איז דאָך די פרייד פון שטײַגן.
לאָמיר אונדזער גליק ניט שטערן.
לאָמיר קלעטערן, ווי פריִער,
זיך אַרײַנרײַסן אין הימל,

יאָגן זיך נאָך די מלאכים,
אָניאָגן אַ שרעק אויף גאָט...

— שוויַיגט, איר פרעכע הימל־שענדערס! —
קנעכט פון נידעריקסטער קינאה!
אייַך גאָר אַרן ניט די הייכן,
איר געוועט זייַט און פאַרבליבן
לעסטערערס און ניט־פאַרגינערס!

— שפּרינג אין פּרת, פאַרצאָגטער נביא!
ס׳קאָכט די גאַל אונדז פון דייַן פּרעפּלען.
שיינע ווערטער נאָר באַטויבן.
סתּם נביאים זענען שווינדלערס,
ס׳איז אַ נביא דער, וואָס בויט!
דאַרפן מיר ניט ס׳זאָל אַ היצקאָפּ
אויסטראַכטן פאַר אונדז אַ מאָרגן.
אויב מיר רייַסן זיך צום הימל,
הייסט עס: אַלצדינג איז אונדז קלאָר...

— קלאָר זייַן קען דאָך אויך אַ טעות!
גרייַז קען גרויס זייַן ביז צום הימל...
אָ, ווער ווייסט, צי ס׳איז דער טורעם
דאָס געבייַ, וואָס נייטיק איז?
צו פיל האָבן מיר דערוועגט זיך!
צו הויך זענען מיר געשטיגן!
„הויך" הייסט: **איבער** אונדזער רו...
אַ פאַרשפּילטס איז אונדזער לעבן,
אַ פאַרפירטס פון אונדזער שטרעבן.
אָ, מיר בענקען נאָך די פייגל,
וואָס שוין **אונטער** אונדז זיי פליִען!
אויב ס׳איז נייטיק אונדז דער הימל,
ליגט ער דאָך אויך אין טייַך פּרת...

— וואָס הייסט „נייטיק אונדז דער הימל״?
וואָס קען אונדז דער הימל געבן?
אויך אין אים וועט מען אונדז נאַרן.
ס׳וועט זיך אײַנגעפינען איינער,
וואָס דעם מילכוועג וועט פאַרצוימען,
אונדז ט׳ער צוּוואַרפן איין שטערן,
און אַזאַ נאָך, וואָס מוז פאַלן...
און אַז ער די זון וועט רויבן,
וועט ער אונדז שוין גאָרנישט געבן.
אויך אַ האָרן פון לבנה
וועט אים זײַן פאַר אונדז אַ שאָד...
קיין מאָל ניט אַראָפּגעפאַלן,
זענען מיר אַזוי געפאַלן!
קוועלנדיק פון אונדזער גרויסקייט,
האָבן מיר דערפילט, מיר זענען קליין..
אונדזער לעבן איז אַ חלום,
אונדזער חלום איז אַ ליגן,
אונדזער אמת אויך אָפט לײַגט...

— ווידער אמת... וואָסער אמת?
שוין זשע גלייבט איר אינעם אמת?
מיטן אמת קומט דער ליגן,
ווי מיט שײַן דער שאָטן קומט...
פרייד איז נייטיק, ניט דער אמת!
גליק מיר דאַרפן, ניט דעם אמת!

— אַלע ווילן מיר דאָס זעלבע,
און דאָס לשון איז פאַרשיידן.
ווען אַיעדנס שפּראַך איז אַנדערש,
פליִען שטיינער, אַנשטאָט ווערטער.
אַז מען קען זיך ניט צוזאַמענריידן,
קען מען דאָך ניט ווערן גרויס! ...

— אַזוי הויך אַרויפגעקלעטערט,
זאָל מען איצט — ביים סאַמע הימל —
לאָזן איינפאַלן דעם טורעם?
קריגעריי צעטרייסלט אים!...

— אויב די שלאַנג קען מיטן קריכן
העכער פונעם אָדלער גרייכן,
איז דער הימל בלויער ליגן!
איז דער טורעם בלויז אַ שפּילכל!
איז דער אמת נאָר די ערד!...

— ווידער אמת...
וואָס איז אמת?
ווער איז אמת?
וואָר איז אמת?
וואָרט איז אמת?

— ניין!
דער אמת איז אַ שטיין!
פלי זשע האַרטער, האַרטער אמת,
שפּאַלט דעם חברס האַרטן קאָפּ!...

— — — — — — — — — — — — — — —

אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער,
איז ניטאָ שוין מער קיין אָפּהאַלט —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווײ, אַלץ וואַקלט זיך!
גוואַ־אַ־אַ־אַ־לד,
ס׳פאַלט!...

ווילנע, סוף 1964־אָנהייב 1965

מ ו ל ך

אין צור*) איז נאַכט.
מולך שטייט, זײַן בויך איז פול מיט אַש,
און אויף זײַן אָפּגעקילטן קופּערקאָפּ
סע זיצט אַ סאָווע...

אויסגערונען איז אַ שווערער טאָג.
טאַטעס ליגן אומבאַוועגלעך,
ווי פאַרגליווערט בלוט,
אונטער מאַמעס ברענען די געלעגערס...

אין צור איז נאַכט.
מולך, אַ פאַרלאָזענער,
שטייט אָנגעטאָן אין שוואַרצסטן חושך.
אָפּגערונען איז אַ רויטער טאָג,
כוואַליעס לעשן אָנגעגליטן ברעג,
און דער שווערסטער גרײַז —
דאָס וועלן קויפן רו פאַר בלוט —
צעפּרעסט די הערצער...

„העלף אונדז, מולך!
העלף אונדז, מולך,
העלף!
שטראָפסט אונדז, מולך,
שטראָפסט אונדז, מולך,
שטראָפסט..."

אין צור איז נאַכט.
ס'איז די זון שוין לאַנג אַראָפּ,

---

*) צור — אַ שטאָט אין פעניקיע.

די לבנה — ניט אַרויף.
טאַטעס ציטערן אין שלאָף,
מאַמעס שילטן זייער שויס און ברוסט,
קינדער וואַרטן אויפן טויט, ווי זקנים...

„ראַטעווע אונדז, מולך,
מאַטער אונדז ניט, מולך!
האָב רחמנות און דערבאַרעם זיך אויף אונדז!
זײַ אונדז מוחל,
פונקט ווי מיר דיר מוחל זענען...״

אין צור איז נאַכט.
קיינער מיינט ניט, אַז ער טראַכט,
קיינער טראַכט ניט, אַז ער פילט,
יעדער פילט נאָר, אַז ער בענקט...
ס׳בענקט אַזוי דאָס הארץ נאָך לעבן,
און דער אומקום פרעסט עס אויף.

„העלף אונדז, מולך,
העלף, ניט שטראָף אונדז!
שטראָף ניט, מולך,
ווען דו העלפסט אונדז!״

אין צור איז נאַכט.
צײַט צו שלאָפן מיט די ווײַבער,
דאָך דער ווייטיק ניט דערלאָזט.
פוסט די וויגן און די הערצער,
קינדערבלוט — אויף זאַמד און גראָז...

„מולך, מולך —
טאַטע מולך!
ס׳ווילט זיך,
ס׳ווילט זיך האָבן קינדער,
דאָך פאַר זיך, און ניט פאַר דיר...״

אין צור איז נאַכט.
פונעם ים עס בלאָזט אַ ווינטל,
זעצט אַפּ זאַלץ אויף מידע ווינעס.
כוואַליעס וואַרפן זיך אויף פעלדזן,
פעלדזן דריקן אויף די הערצער,
מולך לויערט אין דער פינצטער;
באַלד וועט ווידער ליכטיק ווערן,
ס׳קומט אַ נײַער נעכטן אָן...

„מולך, מולך,
האָב רחמנות!
מיר, די קינדלענדיקע קינדער,
ווײַנען איצט אויף אונדזער פרוכט;
אונדזער פלייש דאָס סאַמע ליבסטע,
אונדזער ליבשאַפט סאַמע טיפסטע,
אונדזער האָפענונג און תאווה —
גרוי־ווײַס אַש בײַ דיר אין בויך...

מולך, מולך,
בייזער מולך!
זײַ ניט ברוגז
אויף אונדז, מולך!
וויפל דאַרפסטו פון אונדז טרערן?
טאַטעס, ווי די מאַמעס ווײַנען —
ס׳קלאָגט אַ קינדערלאָזע צור...

מולך, מולך — האַר און האַסער —
מאַטער ניט דײַנע באַשאַפערס!
אויב געזינדיקט ווען מיר האָבן,
איז עס: **נאָר ניט** קעגן דיר! ...
דיר מיר האָבן אָפּגעגעבן
ס׳בעסטע, וואָס מען קען פאַרמאָגן:

ס'האַרץ פון האַרץ אַרויסגעריסן,
און געשענקט עס, מולך, דיר...

שלאָגסט אונדז, מולך!
פּלאָגסט אונדז, מולך!
זאָג אָבער פאַר וואָס דו שלאָגסט?"

אין צור איז נאַכט.
ס'וויינט דאָס בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן,
ס'קלאָגט דאָס בלוט, וואָס נאָך אין אָדער.
אויסגעבענקטע נאָך דער שײַן
שרעקן זיך פאַרן באַגינען —
„אין דער העלקייט לעבט אויף מולך...
ראַטעוועט אונדז פונעם טאָג!"
טאַטע-מאַמע קוקן אָן זיך
עלנטע און אָפּגעפרעמדטע.
וואָס הייסט „טאַטע"?
וואָס הייסט „מאַמע"?
טאַטנס לוסט איז מולכס ווילן,
מאַמעס שוים — דעם טאַטנס פעלד.
מענטש באַגערט מיט פרוכט זיך שפּילן,
ער זאָל פילן זיך צעהעלט...
כאַפּט און פאַרצוקט אַלץ דער אַרצענער צאָן.
וויי צו אונדז!
עצהט אונדז
וואָס מען זאָל טאָן?
קופּערנער שאַרבן און אײַזערנער בויך,
בלוט אויף מזבחות און פינצטערער רויך...
אַלעמענס קינדער עס שטייען אין קאָן;
וויי צו אונדז!
עצהט אונדז
וואָס מען זאָל טאָן?..."

אין צור איז נאַכט.
נאַכט, נאָר קיינער קען ניט שלאָפן.
אַלע שטאַרן, ווי די סאָווע,
וואָס זי זיצט אויף מולכס קאָפּ...
איז עס קלוגשאַפט? איז עס גלײַכגילט?
איז עס יִאוש ערב שטאַרבן?
אַלצדינג איז עס — אַלץ און גאָרנישט.
ווער ס'האָט זיך אַ גאָט באַשאַפן,
האָט געווינענדיק פאַרשפּילט...

„מולך בלינדער, מולך טויבער —
אומפאַרשעמטער קינדער־רויבער!
שרעקלעכסטער פון אַלע פרעסערס,
מיר באַליידיקן דיך אָפן,
זאָלסט אין כּעס ווערן און שטראָפן;
מער ניטאָ קיין קראַפט צו לײַדן —
קינדער אויף דײַן גנאָד צו בײַטן...

מולך, מולך,
רעטער — אַכזר,
פרעס דערוואַקסענע, ווי קינדער!
מיר אין אַלצדינג זענען שולדיק,
מיר האָבן דאָס אַרץ געגראָבן,
מיר האָבן דיך אויסגעגאָסן,
אונדזער זשעדנע זײַן אויף לעבן,
אונדזער שרעק עס אָנצוּווערן
האָבן דיך אויף אונדז געבראַכט.
וויי צו די, וועלכע באַשאַפן,
זײַענדיק באַהערשט פון שרעק!"

אין צור איז נאַכט.
עמעץ שפּרינגט אויף פון געלעגער,
לאָזט זיך לויפן אין דער פינצטער

דורך די גאַסן פֿון דער שטאָט:
„מולך, מולך — בעל־גזלן —
גיב מיר אָפּ צוריק מײַן גליק!
כ׳האָב פֿאַר דיר ניט מער קיין מורא,
כ׳האָב ניט מער פֿאַר דיר קיין קינדער,
כ׳קען ניט, כ׳טאָר ניט, כ׳וועל ניט רוען,
אין מײַן שאַרבן ברענט דער מאַרך!
כ׳מוז אים קילן, כ׳מוז אים לעשן,
מיט מײַן פֿויסט איך מוז צעזעצן
דײַן פֿאַרהאַסטן אָקסנקאָפּ...״

אין צור איז נאַכט.
איינער האָט ניט אויסגעהאַלטן
און אַוועק איז נאָך זײַן צאָרן.
אויפֿגעוואַכט האָט די באַצאָלונג,
אויפֿגעפֿלאַמט אין יעדן הויז.
פֿון די טויזנטער געלעגערס,
ווי פֿון אָנגעשפּאַנטע בויגנס,
שיסט אַרויס אַ מחנה פֿײַלן —
צורער זין איבער דער שטאָט;
אויגן בליצן וועלפֿיש ווילדע,
הערצער ברענען, ווי מזבחות,
אין די הענט ציפּרעסן־שטאַמען,
ווערלעס, מאַסטביימער און העק:
„ווו איז ער, דער אויסוווּרף מולך?
גיט אַהער אים, גיט אַהער אים!
מיר׳ן אים אויף בראָך צעקרישלען
דעם אַנדראָגינוס פֿון אַרץ...״

אין צור איז נאַכט.
אויף די שטאָק־פֿינצטערע גאַסן
אַ געלאַף און אַ געשריי:
„זײַ פֿאַרשאָלטן, גאָט — רוצח!

וויפל? וויפל קען מען לײַדן,
ווײנען צווישן געץ און קינד?
אונדזער בלוט האָסטו געטרונקען,
אונדזער פלײש האָסטו געשלונגען,
ווערן זאָלסטו אײַנגעזונקען,
גאָט, וואָס פירסט זיך, ווי אַ שפּין! ..."

אין צור איז נאַכט.
אַ צעווילדעוועט געזעמל
ווארפט אַוועק די העק און פלאָקנס.
גרעסער זײַן וועט די הנאה
שלאָגן מיט די הוילע הענט! —
„נאַ דיר! נאַ דיר, געץ און מערדער!
נאַ דיר פאַר דײַנע קרבנות,
נאַ פאַר די, וואָס מען פאַרברענט האָט,
און פאַר די, וואָס זײ נאָך לעבן,
און זײ שלאָגן דיך אַצינד!"

מולך קרעכצעט, מולך ריטשעט,
מולך וואַקלט, פאַלט אַנידער —
אָפּגעפליקט — די גרויסע פליגל,
אויסגעדרייט — די הענט די לאַנגע,
און זײַן שווערע אָקסן־מאָרדע
גליווערט אויף זײַן מענטשנברוסט.

„נאַ, פאַרהאַסטער קינדער־פרעסער!
נאַ דיר נאָך! און נאַ דיר ווידער! ...
מעגן פינגער זיך צעבײַלן
אָן די שפּיצן פון דײַן בראָכוואַרג,
מעגן הענט צעוווּנדיקט ווערן,
מעג פון פויסטן פלײצן בלוט,

מיר'ן וויַיטער מיט זיי שלאָגן,
ברעכן, קאַטעווען און רײַסן,
און ניט וויסן פון קיין שיעור!

ניין, ניט דיך — דעם גלאָמפּ פון אײַזן,
אונדזער בלינדקייט שלאָגן מיר!..."

ווילנע, מאַרץ 1962

סדום

סדומער וואַקסן אויפֿן זאַלץ.
סדומער ווייסן: זאַלץ איז אַלץ —
זאַלץ איז דאָרשט און זאַלץ איז טעם
און דער גאַנצער טויטער ים.

ס'איז דעם סדומער בושה פֿרעמד.
טאַנצט דער סדומער אין איין העמד —
טרוקן, ווי דער מידבר־ווינט,
פּוס — אין זאַלץ, און פּוס — אין זינד...

ערגעץ — האָניק, דאָ — נאָר זאַלץ.
כאַפּ דאָס לעבן און צעשפּאַלט'ס;
נעם פֿאַר זיך צו בלויז די זינד,
אַל דאָס רעשט איז פֿאַר די הינט!

אָ, דער סדומער ווייסט שוין לאַנג
אָט דעם מענטשלעכסטן געדאַנק:
אַלצדינג, וואָס עס איז פֿאַרווערט,
איז פֿאַרבאָטן און באַשערט...

פֿײַפֿט אין זאַלץ אַרײַן אַ ווינט:
„ס'לעבן איז אַ ברונעם זינד!
טאָטעס, לערנט מיט די זין:
זיס דאָס מיטל — זיס דער זין!"

זינד איז קיינעם ניט קיין שאָד,
זינד קלעקט פֿאַר דער גאַנצער שטאָט.
ברויט ניט סטײַעט, וואַסער פֿעלט,
זינד קלעקט פֿאַר דער גאָרער וועלט!

סדומער וואַקסן אויפֿן זאַלץ.
סדומערווייסן: זינד איז אַלץ —
זינד איז דאָרשט און זינד איז טעם,
פלאַם, וואָס לעשט דעם תאווה־פלאַם...

*

„ערגעץ טרוימען גרינע סעדער,
שאָטנס שפּרייטן זיך בײַ צעדערס,

פייגל זינגען אין די נעסטן,
ועוועערקעס די צווײַגן מעסטן;

אונדז נאָר בראַנדווינט קומט אַנטקעגן,
פײַער אָטעמט אויף די וועגן,

ניט קיין פּרת, ניט קיין חדקל.
ס׳קוקט די וועלט אויף אונדז מיט עקל

און זי זידלט אונדז, ווי זינדערס, —
די פאַראיכיקטע סדומס קינדער...

וואַלגערן מיר אינעם זאַלץ זיך,
ווייסן, אַז דאָס גליק באַהאַלט זיך

ערגעץ ווײַט הינטער ציפּרעסן.
נעמט עס אונדז די הערצער פרעסן!

בייזע האָבן אויך געפילן,
מערדערס ווילן אויך זיך שפּילן...״

*

עס וויינען די סדומער. געזאַלצענע טרערן
זיך קוילערן איבער פאַרטריקנטע באַקן.

מע קריצט מיט די ציין און מע האַלט אין איין שווערן :
„מיר מוזן די פרייד פון באַפרידיקט זײַן פּאַקן !

פאַר וואָס איז באַשערט אונדז געבוירן צו ווערן
אָט דאָ, ווו די שנײַדיקע זאַלצווינטן בלאָזן ? —
פאַר וואָס, אָ פאַר וואָס זאָל צו סדום ניט געהערן
דאָס גליק פון זיס וואַסער און דופטיקע גראָזן ?

אַ מענטש ניט קיין שטיין איז. אַ מענטש ווערט געבוירן
צו צאַפּן הנאה פון קוואַלן און בייטן.
פאַר וואָס זשע באַשערט איז דעם סדומער אַ גורל
פון וואַסער, וואָס טויט איז, און זאַלץ — אַנשטאָט קווייטן ?

די זינד איז בײַ אונדז ניט צעלאָזנקייט בלויזע,
די זינד אונדז די שרעקלעכע עוולה פאַרגיטיקט.
באַשלאָפן מיר מענער און מאַכן אַ כּוסע,
מיט ווילדעוועז שמעלצן דאָס בלײַ פון געמיטער.

מיר זײַנען געקריוודעט, דערפאַר — אויך דערצאָרנט,
דאָס לעבן אין זאַלץ ט׳אונדז געמאַכט פאַר לײַדאַקעס.
מיר זײַנען פאַרטריקנט, פאַרשטיינערט, פאַרדאָרנט,
דערפאַר אויך — פאַרהפקרטע, וויסטע הוליאַקעס...״

*

„מיר שלאָגן, מאַטערן און האָבן מורא,
פאַרשוועכן, פּטרן און האָבן מורא,
מיט רישעות פּאַדערן און האָבן מורא,
מיט רוגזה קאָדערן און האָבן מורא.

מיר הוליען, בושעווען און האָבן מורא,
באַטויבן, גלושענען און האָבן מורא,
צעיושעט האַווענען און האָבן מורא,
באַשווינדלען, ראַבעווען און האָבן מורא.

אין זנות מיר טוקן זיך און האָבן מורא,
פאַר תּענוג בוקן זיך און האָבן מורא,
אין ווייַנטשאַד טשאַטעווען און האָבן מורא,
אויף טויט פאַרקאַטעווען און האָבן מורא —

מיר האָבן מורא, האָבן מורא, האָבן מורא,
ס'זאָל ניט אַריבעריאָגן אונדז עמורה..."

*

„פרעמדער, ביסט אַרייַן אין שטאָט.
זאָגסט, עס האָט געשיקט דיך גאָט ?
ווערסטו ניט אַרויס צוריק —
וועסט דאָ ברעכן דייַן געניק !
זאָגסט, ס'איז רישעות ? גיי שוין, גיי,
סדומער הארציקייט פאַרשטיי !
אויב ביסט שוין צו אונדז אַרייַן,
מוזסטו אונדזער אורח זייַן :
אָפּגעבן דעם באַלעבאָס
אַלץ און אַלצדינג, וואָס דו האָסט —
לייַב־און־לעבן, האָב־און־גאָב,
הייַנט און צוקונפט, און דעם קאָפּ...
זייַ, מיר בעטן דיך, אַ גאַסט.
טרינק זיך אָן, ווי אין סדום פּאַסט —
גיס און קער אין זיך אַרייַן
לאָגלען ברענענדיקסטן ווייַן —
זויף, ביז ברעכן וועסט מיט גאַל,
יאָמערן, ווי אַ שאַקאַל...
און אַז עס וועט ווערן שפּעט,
ט'מען דיר צוגרייטן אַ בעט
אויף אַ סוקעוואַטער באַנק.

וועט דיר זייַן די באַנק צו לאַנג,
וועט מען דיר שוין, ווי ניט איז,
אויסציִען די קורצע פיס...

טאָמער איז צו קליין די באַנק,
דײַנע דאַרע פּאָלקעס — לאַנג,
וועט מען מאַכן דיך אויס ריז —
אונטערזעגן דיר די פיס...
— — — — — — — —

בריקע זיך ניט! לאָז אונדז לאָז
אָנווענדן די סדומער מאָס!..״

*

ס׳איז דעם סדומער ליב די עוולה,
האָניק־זיס איז אים איר טעם.
צוגעטוליעט זיך די עוולה
האָט צום ברעג פון טויטן ים.

און די עוולה האָט דרײַ הערנער —
רישעות, גרויזאַמקייט און גוואַלד.
עוולה, עוולה, הער נאָר, הער נאָר,
ווערסט דאָך קיין מאָל גאָר ניט אַלט!

זאַמלט זיך צונויף, שאַקאַלן,
קומט אין סדום, דער שטאָט, אַרײַן
לערנען זיך, ווי צו באַפאַלן,
ווי שאַקאַלישע צו זײַן.

ווילדע קעץ פון מידבר געלן,
וועלף פון טונקל־גרינעם וואַלד,
שטעלט זיך אויס בײַ סדומער שוועלן
זען, ווי ס׳הערשן צוואַנג און גוואַלד.

ווי ס׳געדײַען בייזס און אומרעכט,
שינאה, רוגזה און פאַרראַט.
עוולה — סדומער קרומרעכט —
שאַרפע האַק אין האַנט פון קאַט!

*

איז קיין סדום אַ מאַן געקומען
און אַ סדומערקע גענומען
פאַר אַ ווײַב;

האָט געבראַכט ער זינדיק־נײַעס,
אַז די שמוציקסטע הולטײַעס
האָבן אים געבעטן: „בלײַב —

בלײַב בײַ אונדז, מיר דיך באַערן
דאָ צו לעבן און פאַרמערן
האַרטע סדומער זין.

ביסט אַ הפקר־יונג אַ בראַוועך —
אַ פאַרשײַטער הוליע־חבר,
ביסט פון אונדזער מין.

ביסט אַ יאַט, וואָס לאַכט פון טרוימערס,
ביסט אַ קערנדיקער סדומער —
ווייסט פון בייזס דעם קונץ.

ווי זשע קומט עס, זאָג אונדז, ליבער,
אַז דו שטײַגסט שוין באַלד אַריבער
אויך אַפילו אונדז?״...

האָט אַ שפּײַ געטאָן דער פרעמדער —
דורכגעזײַט אַ פוילן ענטפער
צווישן פרעכע ציין:

„אויב איר זײַט אויף זינד מבינים,
זאָגט, ווו קען מען זינד געפינען,
אויב ניט אין מײַן היים?

כ׳קום צו אײַך פֿון העט — פֿון דאָרטן,
ווו עס בליט אַ פעטער גאָרטן,
גרינס — ווי דאָ דאָס זאַלץ.

דאָרט געוועזן איז דער גן־עדן,
ס׳איז אַ טאָל פֿון פּרוכט און קווייטן —
האָניק, מילך און שמאַלץ...

וואָס מע טוט דאָרט, מוז געראָטן,
ס׳איז אַ קאַנט פֿון זון און שאָטן
צווישן טײַכן צוויי,

אונטערן געצעלט דעם בלויען
בלינצלען אויף די לאָנקעס טויען,
אויף די בערג ליגט שניי...

אָ, ווי ווויל דאָרט איז צו שווײַגן,
רײַסן פֿײַגן פֿון די צווײַגן
(ניט צום עסן — סתּם!)

זאַטקייט, פֿוילקייט ענג זיך קייטלען,
גלײַך אין מויל עס קריכן טייטלען
מיטן זיסטן טעם...

לעבט מען דאָרט, אין קאַנט געבענטשטן —
ניט מלאכים, ניט קיין מענטשן —
לאַדישן מיט גליק...

טרעפֿט אַ מאָל ס׳קומט אויס פֿאַרגיסן
פֿונעם גליק אַ נישטיק ביסל,
קוואַלט באַלד אָן צוריק.

פֿרעגט זיך: אין אַזאַ אַ ווויל־טאָג,
ווען די צײַט איז רו־נאַכט, פֿויל־טאָג,
וואָס בלײַבט דען צו טאָן,

אויב ניט נישטערן און זוכן
פאַרגעניגנס צו פאַרזוכן,
וויפל נאָר מע קאָן?

אויב ניט שטענדיק לעכצן, גאַרן
מיט די דלאָניעס פרייד צו שאַרן,
אָנזאַמלען גענוס,

אויב ניט אָן אָן אויפהער קלערן,
ווי פאַרווײַלונג צו פאַרמערן,
קאַטשען זיך אין זנות?..״

*

האָבן זיך צעהעשעט סדומער,
רוגזה־בלוט האָט אויפגעזאָדן:
„ניין, עס וועט ניט זײַן אַזוי מער —
מיר פאַרווערן, מיר פאַרבאָטן,
איר די זינד פון אונדז זאָלט רויבן!
פווילט אײַך דאָרטן אינעם שאָטן
פון די שפעדיקע צווײַגן —
כראָמשקעט באָקסער, סמאָטשקעט פײַגן,
זייגט אײַך זאָפט פון זיסע טרויבן,
דאָך די זינד זאָלט איר ניט רויבן!
זי צו אונדז נאָר מוז געהערן,
סדום בלויז רעכט האָט זינד פאַרמערן...

גוט, וואָס ביסט צו אונדז געקומען
און דאָס אַלץ געלאָזט אונדז וויסן!
אין דײַן קאַנט פון פרוכט און בלומען
וועט דײַן פיר געוויס פאַרדריסן,
וועט מען דיך דערפאַר דאָרט שילטן,
פאַר אַ מסור וועסט דאָרט גילטן.
ווילן מיר דײַן פײַן פאַרזיסן
און מיר שווערן: „אָסור, אָסור,
אויב דו בלײַבן וועסט אַ מסור!״ —

לייג זיך אויפֿן שטיין דעם קאַלטן,
מיר'ן דיר דעם מוח שפּאַלטן..."

*

צווישן זאַלץ־מידבר און זעטלאַנד פֿליט אַ ווינט,
טראָגט אויף פֿליגל דעם וויכּוח וועגן זינד:

ווער פֿון די אַביידע קאַנטן איז גערעכט?
ווו איז זי, די זינד, פֿאַרגיבלער, ווו — פֿאַרברער?

אפֿשר ווייסן הימל־בלויקייט, שקיעה־רויט,
ווער איז גורם זינד: די שפּע צי די נויט?

קומט דער ענטפֿער — אי אַזוי און אי אַזוי.
ווערט דער אמת פּוסט און טויקן, ווי אַ שטרוי.

ס'איז דער אמת אויפֿן פֿליגל פֿונעם ווינט,
ס'איז דער אמת, וואָס ער דרייט זיך אַרום זינד...

וויקלט, וויקלט זיך דאָס גרויע קנײַלכל — צײַט,
צווישן מאַנגל און דער שפּע גייט אַ שטרײַט.

יעדער איינער אויף זײַן טענה וויל באַשטיין —
ער איז ד ע ר פּונקט, וועלכער רעכט האָט זינד באַגיין.

פֿליט דער ווינט מיט די באַוווײַזן הין־און־הער,
קומט פֿון ערגעץ אים אַנטקעגן אַן אַ טרער.

בלינצלט, שימערט אין דער טרער די גרויסע פּײַן
פֿון אין טראָפּן זאַלצוואַסער פֿאַרקלעמטער שײַן.

טוט דער ווינט אַ פּאַטש די טרער, און זי פֿאַרשווינדט —
„ניט פֿון דחקות, ניט פֿון שפּע שטאַמט די זינד!"

*

„סדומער, גיי אַרויס אין גאַס
צו דעם יום־טוב פון הפקרות!
ס'וועט דורך נאַכט זײַן פרייד און שפּאַס,
קײַקל, יעדערער, דײַן פּאַס
צו דעם יום־טוב פון הפקרות.

סדום אַ גאַנץ יאָר זיך פאַרווײַלט,
טאַנצט, ביז זי די פיס צעבײַלט,
זינגט, ביז הייזעריק זי ווערט,
האָט דאָס אַלץ אָבער אַ ווערט
קעגן יום־טוב פון הפקרות?

ער!.. ער!.. ער און ער!..
מיט די פויסטן זעצט אין בלער,
טונקט שטורקאַצן אײַן אין פּער,
צינדט זיי אָן פאַר דעם הפקרות!
ווײַן, וואָס הוליעט שוין אין פאַס,
לײַכטזין, עזות, האַס און כּעס,
אַלע, אַלע — אויף דער גאַס
צו דעם יום־טוב פון הפקרות!

רוימט דעם וועג! אַ וואָרע מאַכט!
ס'גייט די סדומישסטע סדומס נאַכט.
ס'האַרץ, ווי אַ היענע, לאַכט;
גייט אַ טאַנץ פאַר דעם הפקרות —
דרייט זיך אַרום קרומען בוים
(איינציקן געוויקס אין סדום),
ס'זאָל דאָס מויל באַדעקן שוים
אינעם יום־טוב פון הפקרות!..״

אַכטונג, אַכטונג, מאַכט אַ וואָרע!
ס'גייען זיבן מענער דאָרע,
אײַנגעהילט אין געלע פלאַכטעס.

הינטער זיי לויפט נאָך דער אַכטער
מיט אַ האַק.
און באַלד נײַע זיבן מענער,
רויט באַפּעדערטע, ווי הענער,
פּאַטשן, פּאַטשן מיט די פליגל
איבער אַ צעבראָכן וויגל
און אַ פּוסטן זאַק...
זיבן ווײַבערשע געשטאַלטן,
וואָס די בריסט זיי ניט באַהאַלטן,
וויגן חוצפּהדיק די היפטן
און זיי פּרוּוון אַלץ אַ שטיף טאָן
מיט דער שאַנד אַנטבלויזט.
זיבן עזותדיקע קינדער
שפּײַען אויף אַ זקנה בלינדער,
שלאָגן זי מיט שטריק און שטעקן;
רוקן אונטער איר צו „שמעקן"
אָט אַ פּײַג און אָט אַ פויסט...

מאַכט אַ וואַרע, מאַכט אַ וואַרע! —
נײַע זיבן מענער דאַרע,
הויך געוואַקסן און באַוואַקסן,
טראָגן הינקענדיק אַ קאַסטן,
און אין אים ליגט אויסגעצויגן
אַ געשטאַלט פון ערדוואַקס וויכן —
אַזאַ מויד מיט מידע אויגן,
וואָס די לײַטישקייט באַצייכנט.
גרויסער יום־טוב פון הפקרות
הייבט זיך מיט פאַרברענונג אָן.

„גלוסטיק, לוסטיק, ווילד און הײַטער
גייט אַ ראָד אַרום דעם שײַטער,
וואַרפט די לײַטישקייט אין פײַער
(צו לאַנג שוין געוועזן געטרײַ איר),

אויף איר אַש זאָל געבן פּרות
גרויסער יום־טוב פון הפקרות!

אויס! ניטאָ שוין מער — פאַרברענט...
שטעלט זשע איצט זיך אויף די הענט;
מיט אַ קאָפּ־אַראָפּיק „שפּרײַזן"
סאַראַ פרייד דאָס איז באַווײַזן!
„טרעטן" הענט אַהין, אַהער.
איז עס קונדסדיק, דאָך שווער;
לאָמיר ליבערשט פרעך זיך קוליען,
ווי די יונגע צײַגלער הוליען...

אָ, ווי גוט! אָ, ווי גוט!
ס'קנײַפּט דאָס אויפגערייצטע בלוט".
קוילערט מען זיך לינקס און רעכטס
מיט אַ קללה און אַ קרעכץ
און אַ זידלוואָרט אַ גראָבן,
גאָר ווי מיט די בעסטע גאָבן...

„קיינער ט'ניט די זינד פאַרלאָרן,
און מיר האָבן זי געפונען.
אָנגעשעפּט מיר האָבן צאָרן
פון אַ צוגעזאַלצטן ברונעם.
טאַנצן מיר דעם טאַנץ פון אומזין,
פונעם בײזוועלן און קרומזין...

גלי, ברי, שטאָט פון זינד,
וווּ די מאַמע וואַרפט איר קינד,
וווּ דער טאַטע האַלדזט די טעכטער,
ווי אַ ליבהאָבער אַן עכטער...
פריי זיך, סדום, דריי זיך, סדום —
טאַנץ אַרום דעם קרומען בוים,
שלינג די זיסע רײַפע פּרות
פונעם יום־טוב פון הפקרות!

אויסגעזשליאָקעט צענטן קופּל,
קלײַבן מיר דעם האַר מנוּוול,
דעם, וואָס טראָגן דאַרף די קרוין
פון דעם סדומישסטן אין סדום.

נעמט אים, הייבט אים, וואַרפט אים העכער!
„אַזאַ טויגעניכטס, אַ פרעכער
אונדזער הויכשאַצונג פאַרדינט!"
ס'קרייען הענער, ס'בילן הינט,
קרעציקע היענעס קײַכן,
און די סדומער פליעסקען, פרײַכן,
הייבנדיק דעם פולן קופּל:
„לעבן זאָל דער האַר מנוּוול!"...

„איך בין אײַער האַר מנוּוול,
איך באַפויל
אָנשעפּן אַ פולן שופל
אַש און קויל,

צומישן צו דעם אַ ביסל
קעמלמיסט,
שטעלן פאַרן גאַסט אַ שיסל:
„נאַ, געניס!"

וועט ער זאָגן, ס'האָט קיין טעם ניט,
זאַלץ שיט צו!
וועט ער זאָגן, ס'טויג אים סתּם ניט,
קאַלך גיט צו!

וועט ער שרײַען, ס'ברענט דעם גומען,
לאַכט אים אויס —
„אויב ביסט שוין צו אונדז געקומען,
כליאָבע אויס!"

ווער ער שלינגען און ווער שפּײַען
גרינעם קלעק,
וויינען, בעטן זיך און שרײַען:
„כ׳שטאַרב אַוועק!"

זאָל ער הערן אײַער שפּעטן,
זײַן פֿאַרהאַסט.
קיינער האָט אים ניט געבעטן
זײַן אַ גאַסט.

אויסגיין דאַרף ער אַ געשענדטער
בײַ דער טיר.
ווען סדום הוליעט, זאָל קיין פֿרעמדער
ניט אַרײַן אין איר!..

כ׳בין הײַנט אײַער האַר מנוּוול,
אויף מײַן קאָפּ די שוואַרצע קרוין.
אין מײַן דולנדיקן קופּל
שווימט אײַער הפקרות־לוין.

ציט אַרויס פֿון פֿעסער שפּונטן,
לאָזט אָן ווײַן אין מויל און קעל.
נאָך אַזאַ אַ טרונק געזונטן
ווערט דער יום־טוב צען מאָל העל.

היי, באַוואָלטע בעל־עוולות —
עובר־בטל, קינד־און־קייט —
טרעט דעם תּמצית, תּוך און תּכלית,
טשמאָקעט זינד און זשליאָקעט פֿרייד,

טראָגט זיך איבער סדומער גאַסן
מיט אַ טירופֿדיקן מוט.
ניט די ליבשאַפֿט, נאָר דאָס האַסן —
זאָל אײַך אויפֿזידן דאָס בלוט!

האַלט!.. האַלט!.. זאָל שוין קלעקן!
שטעלט זיך ביי דעם קופּער־בעקן
אויסצוואָגן אין שלייַמיק וואַסער
אַ פאַרפּעכטן שוואַרצן חזיר!

הערט נאָר, הערט נאָר, ווי ער קוויטשעט,
כריוקעט, פּיסקעוועט — אַזש ריטשעט.
זשאַלעוועט ניט אים צו שווענקען,
איר זיין קול זאָלט פאַרגעדענקען,
אין געהער דעם קלאַנג באַהאַלטן,
אייער ליד לויט אים געשטאַלטן...

פּליעסקעט, פּליעסקעט, פּליעסקעט צו,
רייסט די אומנייטיקע רו.
זאָל זיך אונדזער שׂימחה וויגן
אויף סקאַוווּטשעדיקסטן ניגון...

פאַלש!.. פאַלש!.. פאַלש געזונגען!
ניט אַזוי האָט עס געקלונגען
אינעם שוואַרצן חזירס פּיסק.
ס'איז צו גלעטנדיק, צו זיס.
זינגט מער סקריפּעדיק און ראַציק,
זיין זאָל קריציק, קרעציק־קראַציק...

וויל!.. וויל!.. — איצט איז גוט! —
שאַנדלאַזיק, מיט מוט און בלוט!
וועלף, היענעס און שאַקאַלן
שטוינען, אין חלשות פאַלן"...

ס'איז אַוועק! ס'איז אַוועק! —
ס'איז אַ ים אַרויס פון ברעג.
זיך צעברויזט און אויפגעזאָדן
האָבן דולע קאַראַהאָדן:

„זינד איז זיס!
זינד איז זיס!
כאַפּ דעם אומרעכט און געניס!

זינד איז זיס!
זינד איז זיס!
ס׳איז דער בעסטער קוש דער ביס!״

האַגלט, האַגלט אַ געלעכטער,
האַרץ קלאַפּט אײַליקער און עכטער,
און די בלוטן זיך צעיאָגן,
דורכן גוף שגעון טראָגן —
„ס׳איז אונדז גוט!
ס׳איז אונדז גוט —
ווי מיר ווערן אָן דעם זינען,
זיסן אומזין מיר געפינען!
וואַרפט אַ ציגל אין לבנה,
אויסרײַנען סע זאָל די שײַן,
וועט דאָס האַרץ שוין מער ניט מאָנען,
עס זאָל פינצטערער נאָך זײַן...
אָ, די זינד איז אַזוי זיס.
ס׳ציט די זינד אונדזערע פיס.
לאָמיר קוילענען דעם אמת,
ער פּאַר אונדז איז סײַ ווי יענעמס...

פריי זיך, לאַך! פריי זיך, לאַך!
זעסט דאָך, ס׳ברענט דעם שכנס דאַך;
שלאָפן וועט ער אויף דער גאַס,
וועלן מיר אים בריקען, בריקען...

וואָס זשע איז אונדזער באַגער?
וואָס זשע איז אונדז נייטיק מער:
רעטן ז י ך צי מאָרדן יענעם?
ניין, מיר זוכן ניט קיין ענטפער,

ס׳פירט דער ענטפער צו דעם אמת,
און מיר ווילן אים ניט טרעפן.
ס׳איז אַ בייזע שלאַנג דער אמת —
דרייט זיך, דרייט זיך און בײַסט אײַן...

אַלע ווײַנען אויסגעטרונקען,
ברעך די קרוגן!
האָט דאָס גליק דיר צוגעווּנקען,
האַלט זיך פאַר אַ קלוגן!
כאַפּ דאָס לעבן פאַר דער גריווע,
ווי אַן אָגער ווילדן.
פון די אָפּגרונטן די טיפע
מעג דיך יושר שילטן...

ווײנט!.. ווײנט!.. ווײנט, שאַקאַלן,
מענטשן וועלן אײַך באַפאַלן;
און דער מענטש פון אײַך איז גרעסער,
מענטש איז חיה מיט אַ מעסער,
ס׳איז זײַן הערלער רומפול גרויס זײַן
מער ניט, וואָס ער קען זײַן גרויזאַם...

היי, לײַדאַקעס און הולטײַעס,
מאַכט לצנישע העוויות!
שלעגערס, אויסראַטערס און שעכטערס,
קנוילט די באַקן פון געלעכטער!

אַלע, אַלע, פּליעסקעט צו!

כאַפּ אַ פוקס, פאַרדריי דעם עק אים,
כאַפּ אַ קראַנקן האָז און שרעק אים,
כאַפּ אַ קעצל און פאַרקיצל,
פאַרן הינטל זײַ אַ היצל,

אַלע, אַלע פּליעסקעט צו!

טוסטו הינקען, צווינג זיך לויפן,
קענסט ניט טרינקען, דאַרפסטו זויפן,
ביסט אַ טיפּש, פּלאַפּל וויצן,
ביסט אַן אַם, שטעל אויס די ציצן,

אַלע, אַלע פּליעסקעט צו!

זינד איז זיס!
זינד איז זיס!
טרעט דעם יושר מיט די פיס!

זינד איז זיס!
זינד איז זיס!
זויבערקייט מיט ברוד פאַרגיס!..

— — — — — — — — — —

מיר האָבן דען ס׳בייזס באַשאַפן?
גאָט האָט עס דאָך אונדז געשענקט.
טאָ פאַר וואָס זשע זאָל מען גאַפן,
ווען דאָס האַרץ נאָך גאָטס גאָב בענקט?
אויך אַן אייזל אין סדום ווייסט:
ס׳איז קיין בייזס ניט ס׳כאָווען בייזס.
בייזס פאַרגייט, ווי גוטס פאַרגייט,
לעבן איז געיעג נאָך פרייד,
תענוג יעדערער פאַרדינט,
זינדיק זײַן איז ניט קיין זינד!"

„מאַן, ווײַב, גרויס און קליין,
אויסגעצויגן גלײַך בלײַב שטיין!
שטעל זיך זינגען אונדזער ליד,
ס׳ליד, וואָס מוט און פרייד אונדז גיט —
אונדזער שטאָלץ און אונדזער שוץ,
אונדזער טײַערסט האָב־און־גוטס —

ליד פון סדום,
ליד פון סדום:

טראַכט ניט אויס, דאָס האַרץ איז גוט!
יעדער מענטש גאַרט יענעמס בלוט.
זעסטו ביַי אַ צווייטן גליק,
נאַר דערפאַר שוין אים דערשטיק.

דאָס איז סדום!
דאָס איז סדום!

לעבסטו — לעב פאַר זיך אַליין.
ביסט אַ מענטש, טאָ זיַי אַ שטיין.
אַלץ, וואָס יענער טוט, איז שלעכט,
יענעמס ווילזיַין ד י ך פאַרשוועכט...

דאָס איז סדום!
דאָס איז סדום!

קומט אַ פריַינד צו דיר אין הויז,
ווי אַ פיַינד, וואַרף אים אַרויס.
אויב אַ גרייַפל זאָלץ ער בעט,
שפּאַלט זיַין קאָפּ, זיַין שאַרבן פּלעט...

דאָס איז סדום!
דאָס איז סדום!

האָסטו ליב דיַין אייגן קינד,
לערן עס געניסן זינד.
זאָל דיַין זון זיַין בייז און ווילד,
זאָלץ זאָל קעגן אים זיַין מילד...

דאָס איז סדום!
דאָס איז סדום!

זײַ אַכזריותדיק, פֿאַראַכט,
ווי דער טויטער ים בײַ נאַכט!
גוטסקייט איז אַ בייזער שפּאַס.
זײַ אַ פֿיש אין טײַך פֿון האַס...

דאָס איז סדום!
דאָס איז סדום!

רעווע, ריטשע, ליד פֿון סדום!..״
— — — — — — — — — —

*

ווײַכט, אַנטלויפֿט פֿון סדום דער לעצטער פֿרישער ווינט,
טראָגט ניט מער די טענות וועגן רעכט אויף זינד,

יאָמערט, הוילט, ווי אַ געשלאָגענער שאַקאַל:
„נויט באַרעכטיקט ניט געפֿאַלנקייט און פֿאַל!״

וויקלט, וויקלט זיך דאָס גרויע קנײַלכל — צײַט,
פֿליט דער ווינט אויף ברייטע פֿליגל, שעלט און שפּײַט,

וויעט, וויינט און שיט אין פּנים זאַלץ און זאַמד:
„ניט פֿון דחקות, ניט פֿון שפע שיפֿלות שטאַמט!״

אַ, עס ווייסט אַצינד שוין קלאָר דער קלוגער ווינט,
ווי אַזוי אַ גאַנצע שטאָט זינקט אײַן אין זינד:

„אָט איז ער, דער וועג פֿאַרדאָרבענער פֿון סדום —
סדום פֿאַרטריבן האָט און אויסגעלאַכט דעם טרוים...
— — — — — — — — — — — — — — — —

אָפּגעשיידט זיך פֿונעם טרוים,
איז גלײַך סדום געוואָרן ס ד ו ם״...

ווילנע, זומער 1965

אָדם

פון וואַנען קום איך עס אַהער ?
און ווו בין איך ביז איצט געווען ?
וואָס טו איך דאָ ?
— — — — —

אויף מײַנע ליפּן וויגט זיך אַלץ דאָס זעלבע וואָרט !
וואָס הייסט עס „איך" ? — ווער בין איך, ווער ?
איך פרעג — און ס'שווימט אַוועק פון מיר דער וואַלד,
די ערד, וואָס אונטער מײַנע פיס, הייבט אָן זיך וואַקלען,
איןביידע זײַטן קאָפּ נעמט זעצן :
„איך !... איך !... איך !... איך !.."
דער א י ך צעוואַקסט זיך — ווערט אַלץ גרעסער.
און וואָס מער גרויס ער ווערט,
עס ווערט אים דײַטלעכער זײַן קליינקייט —
די ערשטע זאַך, וואָס ווערט אים קלאָר...

געוואַלד... איך וויל עס ניט !.. כ'בין עלנט !..
איך וויל ניט זײַן אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל פראַגעס,
טאָג־טעגלעך דאַרפן יאָגן זיך נאָך פּיצלעך ענטפער...
— — — — — — — — — — — — — — —

און ווידער זעצט אין ביידע זײַטן קאָפּ מיר :
„איך !.. איך !.. איך !"..
איך ?
ניין, כ'בין ניטאָ, ווען כ'בין אַליין
און ניט פאַראַן עס איז צו מיר קיין גלײַכער !
איך וויל אַ נאָך־איינעם צו זיך,
וואָס זײַן ער זאָל אַזאַ, ווי איך, אַ ביסעלע נאָר אַנדערש —
אי אַנדערש, אי אַזוי ווי איך !
ווי איך... ווי איך... ווי איך־ך־ך־ך
ך־ך־ך־ך־ך־ך...
— — — — — —

ווער שטייט עס לעבן מיר ? ווער ביסטו ?
פאַר וואָס האָב איך דיך ביז איצט ניט געזען ?
צי דען דערפאַר, וואָס איך האָב אָקערשט אויפגעכאַפּט זיך ?
געוועז זײַנען דאָך אָבער מײַנע וויִעס פריִער אָפן...
ניין ! דו ביסט טאַקע ניט געווען.
עס האָט באַשאַפן דיך מײַן ווונטש,
ווען, גאַרנדיק אַ צווייטן, כ׳האָב אַ פּאַל געטאָן,
מיט גאַנצער שווערקייט מײַנער אויף אַ זײַט
און איך בין אײַנגעשלאָפן.

אָ, טוט מיר ווי אַ זײַט !
זעט אויס, אַז איך אויף איר בין עס געפאַלן...
אַזאַ אַ זלידנער נאָגנדיקער ווייטיק !
נאָר וואָס איז ער אָקעגן אָט דער גרויסער פרייד,
וואָס נאָך עמעץ פאַראַן איז לעבן מיר ?...
דו ביסט דאָך טאַקע פּונקט ווי איך !
ניטאָ אין ערגעץ נאָך אַזאַ,
וואָס זאָל צו אונדז זײַן ענלעך...
דו ביסט, ווי איך, און דאָך דו אונטערשיידסט זיך.
זאָל איך דיך ליב האָבן דערפאַר, צי האַסן ?
ניין, ביידע שפּירונגען כ׳פאַרמאָג —
אַ הײַפל האַס, אַ הויפן ליבשאַפט !
און ס׳קומט פון זיי אַרויס
אַ נײַע שפּירונג : נאָ׳נטשאַפט...
איך קען ניט מער אָן דיר —
איך מוז דיך פילן לעבן זיך.
כ׳קען דיך אַרומנעמען, איך קען דיך שלאָגן,
נאָר אָן דיר זײַן, איז מיר אוממעגלעך...

וואָס קוקסטו אויף דער שלאַנג ?
עס גלוסט זיך דיר אַוודאי זײַן אַזוי באַוועגלעך ?
דו ווייסט ? מיר דאַכט זיך : אין מײַן קאָפּ
עס דרייט זיך אום עפּעס אַזוינס, ווי זי :
אָט — קריכט עס שטיל, אָט — שפּרינגט עס אויף,

אַט — עס אין גאַנצן זיך באַוועגט,
און אַט — עס צוקט מיט יעדן טײלעכל באַזונדער...
איך פיל: די שלאַנג, וואָס אין מײַן קאָפּ,
דרייט זיך אַרום אַלץ אַרום דיר —
זי וויל פאַרוויקלען דיך, פאַרפלאָנטערן,
זאָלסט זײַן אין גאַנצן אירע...
— — — — — — — — —

גיב־גיב! פון וואַנען ווייסטו וואָס איך וויל?
דאָס האָט די שלאַנג דיר אויסגעזאָגט?
די פרוכט די דאָזיקע
עס גאַרט שוין לאַנג מײַן גומען...
ווי זיס איז זי און ווי געשמאַק!
עס באָדן זיך די ציין, דער האַלדז איז פול מיט זאַפט,
און איך בײַס ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער...
טו נאָר אַ קוק! דו זעסט?
אין פרוכט עס וויקלט זיך אַ פּיטשינק שלענגל...
אָ, אומעטום איז זי, די שלאַנג —
אַרום דעם בוים, בײַ מיר אין קאָפּ,
אויך אין דער זאַפטיקער דערקוויקנדיקער פרי...
יאָ אומעטום איז זי, די שלאַנג —
איך פיל זי, ניט נאָר אין מײַן קאָפּ.
זי קריכט דורך אַלע מײַנע גלידער
און העשעט אין מײַן גאַנצן לײַב:
„זוך־זוך!.. זוך־זוך!..
זוך!.. זוך מיר, זוך!
מײַן בײַזײַן און ניט בײַסן רופט מען: ,גליק׳...״
אָ, גוט אַזוי צו ליגן איז קעגן דער זון,
דעם קאָפּ אַרײַנגעגנורעט אין דײַן ברוסט,
און רײַסן מיט די ציין אַ זיסן עפּל!

ווילנע, אָקטאָבער 1962

קין

כ׳ווייס ניט ווו ס׳איז הבל.
בין איך דען זײַן היטער?
כ׳קען דאָך ניט אים נאָכגיין פּוסטריט ווי אַ הונט.
און ער מיך געהיט האָט?
האָט מײַן פּײַן געאַרט אים?
האָט ער אויסגעלעקט מיר ווען ניט איז אַ ווונד?
כ׳האָב די ערד געריסן,
שווער געוואַלגערט שטיינער.
ער בײַ ווייכע לעמער האָט זיך וואָל געצופּט.

דאָך זײַן שעכט־מתּנה
איז אַרויף צום הימל,
און מײַן גאָב פון גרינסן האָט גאָט אָפּגעשטופּט...

צוויט ווינקט פון די צווײַגן,
יונגע פייגל זינגען,
פונקט ווי עס געווען איז איידער ס׳איז געשען.

דאָך אין מיר עס רודערט,
כ׳לויף, ווײַל ס׳דוכט זיך אויס מיר:
יעדער, וואָס קוקט אָן מיך, קען מײַן זינד דערזען.

טויטער ברודער הבל,
איך פון דיר בין עלטער,
טאָ פאַר וואָס פאַרלאָפן ביסטו מיר דעם וועג?

האָסט מיט דײַן הצלחה
מײַן געדולד געגריזשעט
ביז מיט אַ רויט אומגליק כ׳האָב פאַרפלעקט די טעג.

צו מײַן נאָמען „קין"
כ׳הייס נאָך „ברודער־מערדער",
פלאָגט עס אויף דער וואָר מיך, דריקט אויף מיר אין שלאָף.

הבל, כ׳בין ניט שולדיק,
כ׳האָב ווי דו געפירט זיך!
האָסט עס מיך געלערנט אויפן האַלדז פון שאָף...

ווילנע, אָקטאָבער 1969

קַין, נעבעך...

— — — — — — — — — — —

שטיי איך, אין מײַן האַנט — אַ שטיין,
טראַכט און קען זיך ניט פאַרשטיין...

אָ, ווי שיין עס וואַקסט דאָס גראָז,
אָ, ווי שיין!
אָ, ווי שיין סע שפּרינגט דער האָז,
אָ, ווי שיין!
איך זשע האַלט אַ האַרטן שטיין,
קוועל זיך מיט פאַרדראָס...

יאָ, עס האָט מיך גאָט געוואָרנט:
„היט זיך פאַר דער זינד!"
און די שלאַנג האָט צוגעצישעט,
צוגעפּײַפט האָט ווינט;
און די קינאה איז געפלויגן,
ווי אַ פלעדערמויז,
און די זון איז פון די וואָלקנס
רייצן מיך אַרויס...

האַלט איך אין מײַן האַנט דעם שטיין,
וויל אי זיך, אי אים פאַרשטיין...

הבל, ביסט געווען, ווי איך,
פלייש און בלוט, און אָטעם.
האָסט אַ פאַל געטאָן אויף דר'ערד,
צוגעקוועטשט דײַן שאָטן;
און צום סוף גאָר דריקסט אויף מיר...

אויב דו ליגסט, ווי ליים אַ בערגל,
ווי זשע קומט עס, גייסט מיר נאָך,
הערסט ניט אויף מײַן רו צו ווערגן?

גלעט איך אין מײַן האַנט דעם שטיין.
אים פאַרשטיין — הייסט זיך פאַרשטיין.

ס׳פלאָגט נאָך איצטער מיך די קינאה:
הבל שאָפּבלוט האָט געגאָסן,
איך געשניטן האָב נאָר תּבואה,
און בין רשע, און בין יתום...
ווי, כ׳געפין זיך ניט קיין אָרט,
ס׳לויפט מיר נאָך אַ שווידערוואָרט:
„ברודערמאָרד!", „ברודערמאָרד!"...

ניין, ווי הבל כ׳בין ניט שולדיק!
מענטשן (אויך אַפילו ברידער),
אויב עס ווילט זיך זיי דאָס זעלבע,
זענען גרויזאַם קידער־ווידער...
דאַרף איך מער ניט האָבן קיינעם.
אומוואָגלען כ׳וועל איינער, איינער
מיט מײַן צייכן, מיט מײַן עלנט,
מיט מײַן שאַנדפלעק זיך פאַרשטעלן...

כ׳זוך פאַרשטיין דעם גלײַכן שׂכל
פון דער שטאַרקייט פונעם שטיין,
און כ׳געפין דעם קרומען שׂכל
פון דער שוואַכקייט פונעם קאָפּ...

ווילנע, אַפּריל 1970

נאָכן מבול

(אָדער „דער שיכורער נח")

אָ, דו פֿײַערדיקער ווײַן,
דרינגסט — פֿריש בלוט — אין מיר אַרײַן.

ס'אַלטע האַרץ ווערט בראַוו און יונג,
צונג באַקומט אַ נײַעם שווונג!

אַלץ פֿאַרחידושט, אַלץ געפֿעלט,
שטיפֿגעמיט דעם צער פֿאַרשטעלט...

אָ, דו ווײַן — דו ספּריטנער ווײַן!
דולער, ווילדער, ווילער ווײַן!!

*

בין עס איך — דער אַלטער נח?
איך, דער צדיק און דער תּמים?
עפּעס בלאָנקעט אין מײַן מוח,
ווי אַ פֿרעמדער אום מײַן נאָמען.

אונטער שווערע הענגלעך טרויבן
וואַלגער איך זיך אין די גראָזן,
ווינק און שמונצער צו די טויבן,
טרײַב קאַטאָוועס מיט די האָזן.

אָט האָט ער עס מיך באַצויבערט
דער צעשפּילטער ווײַן פֿאַרשײַטער!
אָט — ער גלעט, און אָט — ער שויבערט,
פֿון דער האַרבער וואָר דערווײַטערט.

אַלע צווייַפֿלען ער צעווייעט,
איטלעך גרימעניש פֿאַרטרײַבט ער,
און כּל־זמן דאָס האַרץ נאָך ווי האָט,
דער געטרײַסטער טרייסטער בלײַבט ער...

אָ, געבענטשטער ווײַן, אַנטרין ניט
פֿון צעבויטעטע געהירן!
איך קיין אַנדערן געפֿין ניט,
וואָס זאָל מיך אין פֿריידלאַנד פֿירן...

*

פֿאַרשאָלטן זײַנען מיר!
מיר בלאָנדזשען אום פֿאַרלאָרן
אין וואַלד, וואָס האָט סך־הכּל נאָר צוויי ביימער —
דעם צו־דער־הייך־זיך־רײַסנדיקן עץ־החיים,
דעם אין־דער־ברייט־זיך־צווײַגנדיקן עץ־הדעת.
אַזוי פֿיל סטעזשקעס צווישן זיי זיך שלענגלען,
און יעדער איינע, זעט אונדז אוים, זי איז די רעכטע
און יעדער איינע, ווײַזט אַרוים זיך, זי דערפֿירט ניט...

און אַנדערש טראַכטנדיק:
וווּהין זאָל זי דערפֿירן?
וועט מען בײַם בוים פֿון לעבן שטיין,
וועט מען דעם בוים פֿון וויסן גאַרן.
וועט מען אין בוים פֿון וויסן אָנשפּאַרן,
וועט דאָך דער בוים פֿון לעבן פֿעלן,
און פֿון זייביידן צו געניסן
איז אַוודאי און אַוודאי ניט באַשערט!..

*

אָ, ווי אומווערדיק טשיקאַווע
ס'פֿירן זיך עם אַלע ברואים!
ווען געוועזן מען איז אין תּבֿה,

ווען געלאָקערט האָט סכּנה,
האָבן אַלע זיך פֿאַרטראָגן —
קיינער קיינעם ניט פֿאַרצוקט האָט:
לייב גענעצט האָט צום אייזל,
לעמפּערט איז ביַים באָק געלעגן,
האָז ביַים וואָלף געזוכט האָט אומפּליט,
יאָזש האָט גייענדיק געהיט זיך,
ער זאָל קיינעם ניט פֿאַרטשעפּען,
און די שלאַנג האָט זיך געדרעמלט,
ליגנדיק אַרומגעוויקלט
אַרום הירשם צעצוויַיגטע הערנער...

דאָך, ווי נאָר אַרויס זיי זיַינען
פֿון דער תּבֿה און סכּנה,
איז דער וואָלף אַ וואָלף שוין ווידער
און דער חזיר — ווידער חזיר.
בלוט איז זיס און ווילדקייט מוטיקט,
נעגל זוכן ווייכע ליטקעס,
ציין באַגערן קנאַקן ביינער,
און ווי נאָר ס׳קומט אויף אַ לעבן,
איז עס גרייט פֿאַרצוקן לעבנס...

*

ווי מיַין אורזיידן דעם וויַיטן,
איז באַשערט מיר זיַין אַן ע ר ש ט ע ר.
נח איז אָבער ניט אָדם!
ווער ס׳איז ניט געווען דער אָנהייב,
וועט דאָך קיין מאָל עס ניט ווערן.
ווער ס׳האָט דורכגעלעבט אַ מבול,
מוז דערנאָך — שוין ס׳גאַנצע לעבן
שפּירן זיך, ווי אָנגעשפּאָלטן.
אויפֿן העכסטן אַררט־שפּיץ
קריגט מען ניט די גרויסע זכיה,

וואָס איז מעגלעך צו באַקומען
דעם, וואָס הייבט אָן אין גן־עדן...
אין איין פּרט בלויז כ׳בין געגליכן
צו מײַן אור־אור־זיידן אָדם:
מײַנע זין, אַזוי ווי זײַנע,
ציִען זיך רק צו דער זינד...
פײַנלעך איז אַזוינס צו וויסן,
דאָך כּסדר מיר עס טראַכט זיך,
אַז שוין באַלד, גאָר־גאָר אין גיכן
וועלן אַלע אויף מיר טײַטן:
„קוקט אים אָן! דאָס איז דאָך נח —
ער, דעם נײַעם קינס טאַטע!..״
און צי וועט עס זײַן אַ וווּנדער?
וואָס פֿאַראַן איז צו דערוואַרטן?
כ׳האָב דרײַ זין, און יעדן איינעם
פֿרעסט זײַן אייגענער חסרון.
חם איז טעמפּ, פֿאַרגרעבט און נאַריש,
יפת — קאַלט, פֿאַרביסן, רוצחיש,
שם איז ווילד פֿון וועלן שמען...
ווײ איז מיר, דעם צדיק־תּמים,
לעבנרעטער, זינד־דערטרענקער,
אַז דאָס בייזס צעוואַקסט זיך ווידער
פּונקט אַזוי, ווי ביזן מבול!
חם, מײַן זון, אַ דו כאַמוליע,
ווי האָסטו אַזוי פֿאַרשעמט מיך?
ווי האָסטו בײַ זיך געפּועלט
אַפּצולאַכן פֿונעם טאַטן
און כיכיקענדיק נאָך טײַטן
אויף זײַן חרפּה דער אַנטבלויזטער?
חם־כאַמוליע! חם־כאַמוליע! —
לאַגל, פֿול געמיינע מידות!..

*

פֿרעגט זיך: בין איך דען אַ רעטער?
וואָס האָט אויפֿגעטאָן מײַן תּבֿה?
ווײַ איז מיר, עס איז דאָך מעגלעך,
אַז איך בין גאָר דער געמיינסטער.
ראַטעווען אַזאַ, וואָס בייז טוט,
איז געווים די גרעסטע זינד.
ס׳איז מײַן פֿלומרשט געטלעך שליחות
צווייפֿאַכיק געווען פֿאַרדאָרבן:
קודם האָב איך מײַן געזינד נאָר
אין דער תּבֿה אויסבאַהאַלטן,
נאָך דעם אויף אַן ערד אַ ריינער
נײַע זינדיקייט באַזעצט...

האָט געהאָלפֿן דען דער מבול?
האָט ער ס׳בייזס אַראָפּגעוואַשן?
אַלצדינג, וואָס געווען איז פֿריִער,
האַלט פֿון ס׳נײַ אין איין געדײַען —
ווידער אומרעכט, ווידער שקר,
ווידער גזלה, מאָרד און צביעות,
ווידער קינאה אין געצעלטן,
ווידער בלוט אויף זאַמד און גראָז...

*

ווי נאָר כ׳בין אַרויס פֿון תּבֿה,
האָב איך באַלד געזען, כ׳בין עלנט.
קוים באַטרעטן די יבשה,
האָט אַנטפּלעקט זיך מיר דער אמת:
דער מבול איז אַן אויסראַטער געווען,
ניט קיין פֿאַרריכטער!..

גענומען האָט מיך פּײַניקן חרטה.
האָב איך געקלערט,

כ׳וועל אין דער מי פֿון איר זיך אויסבאַהאַלטן.
פֿאַרפֿלאַנצט כ׳האָב ווײַנגערטנער,
דערטראַכט זיך ווײַן צו שטעלן —
אַ נײַעם קוואַל פֿון זינד געעפֿנט פֿאַרן מענטש —
אַ קוואַל וואָס שפּרודלט פֿרייד,
גענוואַגטקייט,
עזות,
דראַנג...

— — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב אויף דער פֿרוכט פֿון לעבנבוים געלאָקערט,
כ׳האָב זיך געגרייט פֿון קלוגן וויסנבוים געניסן,
און נאָך דעם אַלעמען
גאָר פֿונעם ווײַנשטאָק כ׳צאַפּ די טרייסט!..

*

שוין אין תּבֿה כ׳האָב פֿאַרשטאַנען:
איינער קען אַ דור ניט בײַשטיין.
איינער ווערן מוז, ווי אַלע
(פֿריִער, שפּעטער — דאָך ס׳געשעט!..)

מבול, מבול — גרויסער וואַשער,
רייניקער און בייזס־פֿאַרדאַרבער,
דײַנע פֿלייצנדיקע שטראָמען
אויף דעם רעטער ראָטן אויס.

אמת, כ׳האָב פֿאַרהיט מײַן אָטעם,
און מײַן לײַב ליגט ניט דערטרונקען,
דאָך מײַן רו פֿוילט אין דער תּבֿה
אויפֿן שפּיץ פֿון אַררט...

מבול, מבול — שטרענגער שטראָפֿער,
גרויסער אויסלייזער־פֿאַרשמײַסער,

כ'זע איצט איַין, אַז אין מיַין לעבן
כ'האָב פּסדר נאָר געגריַיזט.

בין איך נח מיט די זיבן גריַיזן.
זיבן פֿאַרבן זע איך אינעם רעגנבויגן.
יעדערע — אַן אָפּשפּאַלט פֿון דער זונענשיַין.
דאָך ווי נאָר זיי זיך באַוויַיזן,
פֿינקלט פֿרייד אויף אין די אויגן,
און מען גליקלעך איז צו טראַכטן:
ס'וועט קיין מבול מער ניט זיַין...

ווילנע, אַפּריל־מיַי 1969

אַבֿרהמס קרבן

1

שטיי אויף, מײַן זון, עס איז שוין צײַט,
ס׳ליגט אָפּן פֿאַרן אויג די ווײַט.
אַ גרויסער טאָג איז אָנגעקומען.

איך האָב ביז איצט דיך ניט געוועקט.
דרײַ מאָל מײַן האַנט כ׳האָב אויסגעשטרעקט
און זי צוריק אַוועקגענומען.

נאָר איצט איז, זונעניו, גענוג.
נעם וואַש זיך אײַן, אָט איז דער קרוג.
פֿאַרגרייט כ׳האָב וואַסער גאַנצע לאָגלען.

עס דאַרף דרײַ לאַנגע שווערע טעג
געדויערן אַהין דער וועג.
ווי גוט געוועזן וואָלט אייביק וואָגלען! ...

2

אָ, מײַן קינד, ביסט אײַנגעשלאָפֿן.
ס׳הוידעט זיך דײַן מאָגער גופֿל
אויפֿן רוקן פֿונעם אייזל,
אויף די ליפּעלעך די פֿרישע
הויערט אָפּגעצאַרטע רו...
ווייך און וואַרעם — דײַן געלעגער
פֿון די שווערע ציגנפֿעלן,
אונטער זיי אָבער דאָך ליגן
גורלדיקע בינטלעך האָלץ...

שלאָפסט, מײַן זון, און איך דערבײַ גיי
אויף צוויי פּיס, וואָס קוים זיך שלעפּן,
כ׳וויש די פײַכטע רויטע אויגן,
כ׳שעלט מײַן ליבנדיק פֿאַלש האַרץ...

כ׳האָב דאָס גאַנצע גאַנצע לעבן
זיך געבייזערט אויף די קעמלען,
הלמאי זיי לאַנגזאַם טרעטן.
הײַנט מיך פּירט מײַן פוילסטער אייזל,
און עס דאַכט זיך מיר, ער לויפט...

ס׳יאָגט מיך איצט אַלץ נאָך מײַן קינדהייט,
כ׳זע זיך, קינד מײַנס, אין דײַן עלטער —
אין דעם וווּנדערלעכן פּשׂדים,
אין דער וואַסער-זאַטער אוּר.

כ׳זע זיך אין מײַן וועג קיין חרן,
כ׳הער, ווי ס׳רעווען דאַרע קעמלען
און די נאָזלעכער פאַררײַסן —
זיי דערשנאַפּט האָבן אַ שטורעם,
קניִען זיי אַראָפּ אין זאַמד.
און באַלד ווירבלט שוין און וויכערט,
רײַסט און שמײַסט, פאַרשיט די אויגן —
ערשטע טויטלעכע סכּנה
פאַר מײַן ניט-געפּרוּווטן גוף...

ווײַט איז אור און ווײַט איז חרן,
אוים — די שווערע מַמְרֵא׳ר דעמבן.
אַלץ, וואָס וווינט אין מײַן זכּרון,
אָדער ווײַט איז, אָדער — אוים...

3

איך — דער וואָגלרײַכער עברי,
וואָס פון יענער זײַט פון טײַך קום,
האָב דערזען, וואָס קיינער ניט ביז מיר:
אויפגעשײַנט פאַר מיר האָסט, גאָט!
איך — נאָך נחן דער צענטער דור,
איך — דאָס זעמדעלע פון כּשׂדים,
וואָס איז דורך אַזוי פיל שטורעמס,
זוכה בין: אין ד י ר דער גלויבן
ווערן זאָל מײַן לעבנסלוין.
שטיי איך אויף, דערזע איך דיך,
גיי איך אום, געדענק איך דיך,
שלאָף איך אײַן, פאַרגעס איך ז י ך,
ד י ך אָבער כ׳זע אויך אין חלום.
ס׳האָט מײַן גוטער טאַטע, תּרח,
אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן —
צעלטן אָן אַ שיעור צעריסן,
מיט דעם שאָף, די קי, די קעמלען
און די זין די דרײַ געוואָגלט —
רײַך און אָנגעזען און ווערדיק.
אַלץ באַנומען האָט זײַן פּיקחות,
נאָר דעם עיקר ניט באַגריפן —
ניט געוווּסט, אַז ד ו ביסט דאָ...
טאַטע מײַנער! טאַטע תּרח,
איך, דײַן עלטסטער זון, אברהם,
רײַך געמאַכט האָב אונדזער רײַכקייט —
צו די סטאַדעס שאָף און ציגן
האָב איך נאָך אַ גרויסן גאָט!...

4

אָ, גאָט פון אַברהם, פון יצחק און וויַטער,
ניט צווינג מיך צו שטיין מיט אַ חלף ביַים שיַיטער!

פאַרגעס ניט, אַז אויב מיַין בן־יחיד כ׳וועל שעכטן,
וועל איך דאָך זיך ברענגען צו דיר אַ פאַרשוועכטן.

געבאָרן איך האָב אים, מיַין זון, אויף דער עלטער,
ווען ס׳האַרץ איז געמעסיקטער, לויטערער, קעלטער,

ווען ס׳קען שוין דער מענטש זיינע ליבשאַפטן צוימען,
צו אַנווערן שווערסטע זיך גרינגער געוווינען;

נאָר ווי זאָל איך, גאָט, ווען מיַין בלוט פליסט שוין פוילער,
איצט נעמען דעם כּוח צו זיַין גאָר אַ קוילער?

איך ווייס, אַז איך קען עס ניט, כ׳קען עס ניט! ... סיַידן
מיַין לויטערע ליבשאַפט אויף האַס כ׳זאָל פאַרביַיטן...

נאָר בליַיבט דען דער תּכלית, ווען ס׳ביַיט זיך די סיבה?
צי דאַרפסטו די ליבע פון דעם, וואָס אָן ליבע?

אָ, גאָט פון אַברהם, פון יצחק און וויַיטער,
וואָס טויג דיר אַ דינער — אַן אייביקער ליַידער? ...

5

האָסט זיך, גאָט, פאַר מיר אַנטפּלעקט.
דוכט זיך, קלעקט?
גלויבן אין מיַין האַרץ דערוועקט.
דוכט זיך, קלעקט?

וואָס זשע פאָדערסטו אַצינד
אויך מיַין קינד?
צו אַ לאָם און צו אַ רינד
גליַיכסט מיַין קינד...

לאָז מיך זײַן איצט אָפּן־גראָד,
גרויסער גאָט:
כאָטש איך בענק נאָך דײַן געבאָט,
גרויסער גאָט,

זאָגן דיר איך זיך דערוועג:
נעם צו די שרעק!
שטאַרקסטער גלויבן מוז אַוועק,
ווען ס׳טאָטשעט שרעק...

6

שטיף ניט, קינד מײַנס, שפּיל זיך רויִק!
וווּנדער זיך ניט, וואָס כ׳פאַרבאָט.
הײַנט עס פּאַסט זיך ניט דאָס שטיפן —
עפּעס גייט מען דאָך צו גאָט...

כ׳בעט דיך, מאַטער ניט דעם יאַשטשער,
בעסער מיט דער בײַטש זיך שפּיל.
לאָז אים אָפּ, זאָל ער אַנטלויפן.
איטלעך נפש לעבן וויל...

וואָס באַטײַטן מײַנע טרערן?
גאָרנישט, יצחקל, — ס׳איז סתּם...
אויגן פּרוּוון עס פאַרלעשן
אין מײַן ברוסט דעם שײַטערפלאַם.

אָ, מײַן קינד, עס טויג ניט, טויג ניט,
ווען אין אויג איז צו פיל שײַן!
דיך געבאָרן אויף דער עלטער,
קען איך ניט קיין טאַטע זײַן...

קוק ניט, זון, מיט אַזאַ מורא!
כ׳בעט דיך: זײַ ניט אַזוי שטיל.

שפּיל זיך, זונעניו, פאַרשפּיל זיך!
ס'לעבן לעבט אַדאַנק דער שפּיל.

7

פאַרגיב מיר, גאָט, פאַרגיב, פאַרגיב,
וואָס אַזוי בלינד איך האָב דיך ליב!
די ליבשאַפט צו אַ מענטש
קען פירן צו פאַרברעך.
צו דיר די ליבשאַפט
פירט צו בלוט־פאַרגיסונג...
אָ, דו גרויסער שטאַרקער גאָט —
שותּף מײַנער צו דעם מאָרד,
זאָג מיר: וועסט מיך ניט פאַראַכטן,
הלמאַי כ'האָב מוט געהאַט
מײַן געליבטן זון צו שעכטן?
זאָג מיר, גאָט, וועסט מיך פאַרטראָגן,
צולאָזן איך זאָל דיר דינען?
וועסט ניט צושטעקן מיר שטענדיק,
אַז אַ פאָטער־קײַן כ'בין?
זאָג מיר, וועל איך דיך ניט שענדן,
ווען כ'וועל מיט אַ קאַלטן חלף
אומברענגען די פאָטער־ליבשאַפט
און אין היץ פון שײַטערהויפן
אויסנאַרן בײַ דיר גענאַד?...

8

וואָס זשע שרײַסטו אַזוי, אייזל?
דײַן קינד האָט מען אויך געקוילעט?
ווער אָבער האָט עס געטאָן?

יעדע בריאה האָט איר אומגליק.
אויף איר לעבן קריכן צרות,
פונקט ווי אומפּלייט אויפן לײַב;

אָבער סאַראַ גליק איז, אייזל,
שוואַך צו זײַן קעגן דעם צווינגער,
וויסן, אַז מען האָט געמוזט.

„כ׳בין ניט שולדיק אין מײַן אומגליק!"
איז די טרייסט, וואָס קען פאַרציִען
טיפסטן גוואַלדרים אינעם האַרץ.

איך וועל, אייזל, ניט געניסן
פון אַזאַ נשמה־היילונג.
מײַן טרייסט איז פון פריִער טויט.

שרײַ ניט, אייזעלע, באַצווינג זיך.
אויב ס׳זאָל יעדער נעמען שרײַען,
ווען עס טוט דאָס האַרץ אים וויי,

אויפשטיין וואָלט אַזאַ גערודער,
אַז עס וואָלט אַ קולות־מבול
מיט אַ פליוך פאַרפלייצט די וועלט...

קוק זיך צו צו מיר, מײַן גוטער,
כ׳טראָג אַ צווייפאַכיקן ווייטיק —
כ׳טראָג אין זיך אים און איך שווײַג.

כ׳לײַד פון ווייטיק, וואָס מיך עסט שוין,
און איך פיל באַגלײַך דעם ווייטיק,
וואָס אַליין נאָך אים איך גיי.

שרײַ ניט, אייזעלע, נאַ האָבער!
שטיל דערווײַלע כאָטש דעם מאָגן,
אויב ניט שטילן קענסט דאָס האַרץ.

איך בין אויך, ווי דו, אַ טאַטע.
שווער אַ קינד איז צו פאַרלירן,
שווערער איז נאָך... אייזל, וויאָ!!

9

ליב האָב איך דיך, גרויסער גאָט,
און כ׳האָב ליב מײַן איינציק קינד.
איז פאַר וואָס זשע מוז איין ליבשאַפט
זשעדנע אויפפרעסן די צווייטע?

איך געבראַכט האָב דיר קרבנות —
ציגן, לעמער, טורקלטויבן.
האָב איך, נאַר, געמעגט באַנעמען,
אַז אָט דער, וואָס איז רק מקריב,
מוז צו אַזאַ טאָג דערגיין,
ווען ער, שעכטנדיק זײַן קרבן,
איז גאָר מקריב זיך אַליין...

ליבשאַפט האָב איך פאַר מײַן זון
און פאַר דיר, גאָט, — שרעק און ליבשאַפט.
וואָס, קומט אויס, וועל איך געווינען?
מערניט ווי אַ ביסל שרעק...

אָבער כ׳מוז, איך מוז שוין שעכטן!
מײַן פאַרגלייבטקייט קען ניט אַנדערש —
ס׳האַלט מיך, ס׳לאָזט ניט אָפּ דער חלף,
כאָטש איך וויים, אַז ס׳איז דער קרבן
נאָר אַ ביסעלע געטרײַשאַפט,
בלוט און רישעות — אָן אַ שיעור...

10

פרעג ניט, ווו עס איז דער קרבן.
זײַ ניט נײַגעריק, מײַן זון.

(מען באַדאַרף דעם סוף ניט שלעפּן,
ער קומט שטענדיק צו דער צײַט).

ווען עס וועט די שעה גענענען,
ט'ער אויפן מזבח זײַן...

פרעג ניט, קינד, ווו איז דער קרבן,
קלער בעסער, ווי שיין ער איז...

זע, ווי העל ס'איז דער פרימאָרגן,
ווי באַזונט עס איז דער וועג.

ס'זעט זיך שוין דאָס לאַנד מוריה,
זײַנע וווּנדערלעכע בערג.

ווידער שוין, מײַן זון, דו דרימלסט —
אָפּגעשטופּט פון זיך די וואָר.

קענטיק, לײַכטער איז צו שלאָפן
אויף די האַרטע שײַטלעך האָלץ,

אײדער האַלטן אָפן אויגן —
קוקן אויפן לעצטן טאָג...

— — — — — — — — — — — — — — —

אָ, דו גרויסער גאָט אין הימל,
קלײנלעך ביסטו אויף דער ערד.

שענקסט די שווערע פרייד פון גלויבן,
און דו מאָנסט אַזאַ־אָ שכר!

אמת טאַקע, דיר צו דינען
איז דאָס שענסטע, וואָס קען זײַן.

אָבער, גאָטעניו, וואָס העלפֿט עס,
וואָס דײַן נאָענטקייט דערהייבט,

אויב מיט גרעסטן גליק אין האַרצן
כ׳וועל אַן אומגליקלעכער זײַן? ...

— —

אָטעמסט, קינד מײַנס, טיף און זאָרגלאָז
אין דײַן צוטרוילעכן שלאָף,

און דײַן טאַטע פירט דיך שעכטן,
ער זײַן גאָט ליבט מער ווי דיך.

וואָס זײַן גאָט? ער ז י ך אַ ל יי ן ליבט,
שפּאַרט ער אַן זיך אין אַ גאָט...

יאָ, מײַן קינד, כ׳גיי אויס פון בענקשאַפט
איצט שוין, ווען ביסט נאָך בײַ מיר.

וואָס זשע וועט מיט מיר זײַן שפּעטער,
ווען כ׳וועל אויף אַ גרויען פעלדז

שטיין און גאַפן אויפן רויכזײַל,
אויף דער הייסער ריטשקע בלוט?

אָבער, זון, ס׳איז דאָ אַ ווייטיק,
וואָס איז זיסער פון גענוס!

אויסשטיין כ׳מוז די גרעסטע פּײַנען —
כ׳האָב פאַרבונדן זיך מיט גאָט...

ווײַל איך וויל שוין מער ניט לעבן,
ווי אַ באָק, אָדער אַן אָקס,

מוז איך דיך אַ קרבן ברענגען,
ווי אַ לאַם, אָדער אַ קאַלב.

11

גאָט, איך ווייס, דו ביסט אַ שטראָפער,
דו פאַרלייַדסט ניט דעם, וואָס פאָלגט ניט.
ס׳האָט דער אמת ליב צו הערשן,
ער פאַרטראָגט ניט זייַן געענגט.
נעם איך עס אויף זיך מיט ליבשאַפט,
טו איך אַלצדינג, וואָס דו פאָדערסט.
קיין שום פּייַן קען מיך ניט צווינגען
ווידערשפּעניקן אין דיר.
אָבער, גאָט, ניט נייט מיך לייַדן
מער ווי ס׳דאַרף עס די געטרייַשאַפט.
טראַכטונגען, ווי בייזע ווערעם,
קריכן דורך מייַן גרויען קאָפּ;
און ווי זאָל איך, גאָט, זיך פירן?
און וואָס זאָל איך מיט זיך מאַכן,
ס׳זאָל די שווערקייט פון געדאַנקען
ניט באַשעדיקן מייַן מוט?
העלף מיר, גאָט, מייַן קאָפּ באַהערשן,
העלף מיר צוימען די רעיונות,
וואָס זיי פּרוּוון פונעם מוח
זיך אַרייַנכאַפּן אין האַרץ...
ווי נאָר, גאָט, כ׳האָב ד י ך באַנומען,
האָב איך גלייַך אויך ז י ך געפונען.
כ׳האָב דערפילט אין זיך אַן ענגשאַפט,
וואָס מאַכט די נשמה ברייט.
כ׳האָב דערשפּירט אין זיך אַ בענקשאַפט,
וואָס קומט אויף נאָך אַ דערגרייכונג.
איז מייַן האַרץ נאָך דער דערפילונג
ש ט ע נ ד י ק פול, ק יי ן מ אָ ל ניט פול...

12

עס וועט פלאַקערן דאָס האָלץ
און ס׳וועט בלוטיקן זײַן האַלדז.
האָרכן גאָט האָב איך געוואָלט,
און איך טו עס איבער גוואַלד...

ס׳איז מײַן שטילע שׂרה אַלט,
אירע אויגן — האַלב שוין בלינד.
כ׳הער, זי וויינט און מאַכט אַ גוואַלד:
„גזלן, ווּ איז אונדזער קינד? !"

וואָס איר ענטפערן אויף דעם?
ס׳האָט אַ לעמפערט אים פאַרצוקט?
און אַווּ בין איך געווען?
ווי אַזוי האָב איך פאַרקוקט?

אָ, אַברהם, זון פון תּרח —
בידנער קנעכט פון גרויסן גאָט,
איז עס דען פאַר דיר אַ דרך:
לייקענען דײַן שענסטן טראָט?

מיטן חלף זיך צעפּאָכעט,
גייסט פארגיסן ס׳ליבסטע בלוט;
מקריב זײַן גייסט אַ בן־יחיד,
און דיר פעלט דאָס ביסל מוט

אָפן עס דעם ווײַב צו זאָגן,
פון איר בליק דו לויפסט אַוועק.
פריִער — זיך פאַר גאָט געשראָקן,
איצטער — פאַרן ווײַב אַ שרעק...

גייסט באַווײַזן, וואָס נאָך קיינער
ביז דיר ניט באַוויזן האָט —
אויף מוריהס קאַלטע שטיינער
ס׳קינד פאַרשנײַדן פאַר דײַן גאָט.

סאַראַ ווערט האָבן דאָן טרערן,
מעג עס זײַן אויף שׂרהס אויג?
טרערן קענען בלויז נאָר שטערן.
ניין, פאַר גאָט די טרער ניט טויג.

גאָט האָט ליב דעם שטאַרקן ווילן —
ברעכן זאָלסטו זיך מיט אַ קנאַק!
פײַנט האָט ער דעם קנעכט דעם שטילן
מיט דער טרער אויף בלייכער באַק...

13

גאָט אין הימל — גרויסער גאָט,
האַר מײַנער אויף אַלע צײַטן,
דיר געהערט מײַן יעדער טראָט,
דיר — מײַן פרייד, און אויך — מײַן לײַדן.

ביסט מײַן היילונג און מײַן וווּנד,
מאָטערסט מיך און מאַכסט געניסן.
ס׳צווייטע מאָל אין פלייש אַ בונד
גיי מיט דיר, מײַן גאָט, איך שליסן.

פאָלגן דיר איז זייער זיס —
מען דערשפּירט זיך, מען ווערט גרעסער.
ס׳ צ ווי י ט ע מאָל אין פלייש אַ ברית
גיי איך שנײַדן מיט אַ מעסער.

ד ע ם אָ ל ט כ׳האָב געשניטן זיך,
א י צ ט ע ר כ׳גיי מײַן זון פאַרשנײַדן.
פריִער: נאָר אַ טיילכל איך,
איצט: מײַן איך פאַר אַלע צײַטן...

דאָך, ווי פריִער, דײַנער כ׳בלײַב,
מײַן באַגליקער און באַשײַנער!
אויך אָן המשך פון מײַן לײַב
בלײַב איך דײַנער, בלײַב איך דײַנער!

14

ס'גייט אויף די זון.
ס'גייט אויף מײַן מוט,
פּונקט ווי דער הימל אויסגעלײַטערט.
כ'שטיי פאַרן גרויסן באַרג־אַרויף
פון לעצטן איבערקלער דערווײַטערט.
געקומען אַ באַנײַטער כ'בין אַהער,
ווו קליינמוטיקייט גילט ניט מערער,
ווו ס'איז פאַראַכט די קווענקלטרער
און ספק איז אַ ספקדיקער לערער.
געהאַט אַ סיכסוך כ'האָב מיט גאָט?
ניין, כ'האָב געהאַט אַ סיכסוך מיט מײַן שוואַכקייט!
איין גרויזאַמער און גרויסמוטיקער טראָט —
און ליבשאַפט שעכטן וועט, ווי שינאה און פאַראַכטונג...

ס'גייט אויף די זון.
ס'גייט אויף מײַן מוט.
מײַן האַרץ דער ווייטיק האָט געפּעסטיקט.
דער ליכטיקער אומענדלעכער אָרום
אין מיר איצט, ווי איין פינטל, נעסטיקט.
איך פיל זיך גרויס — אָן ברעג און ענד,
מיר ענג איז דאָס געדוימע רחבות.
איך גלי און פלאַקער, לויכט און בלענד
זינט איך צו גאָט, מײַן האַר, דעם שליאַך ווייס.

ס'גייט אויף די זון.
ס'גייט אויף מײַן מוט —
דאָס האָבן כּוח ז י ך אפילו צו באַרויבן.
איך גיב אַוועק דאָס רויטסטע בלוט
פאַר בלוילעכער פאַרנעפּלטקייט פון גלויבן,
פאַר אײַנגעשפּאַרטער ליבשאַפט צו דעם קוואַל
פון אַלץ, וואָס ריין איז, הערלעך און דערהויבן.

איך ווייס, אַז ס'איז פּאַראורטײלונג ניט חל
אויף מאָרד, וואָס ווערט באַגאַנגען צוליב גלויבן.

ס'גייט אויף די זון.
ס'גייט אויף מײַן מוט.
ס'גייט אויף אַ טאָג —
דער תּמצית פון מײַן לעבן.
אָן ליגן באַרגציגן, אָן שטייט אַ פעלדזנבאַק.
געמעגט כ'האָב זיי, אַנשטאָט מײַן זון,
דעם שײַטער אַ מתּנה געבן.
נאָר כ'וויל ניט און איך קען ניט נאַרן גאָט!
אין דער געטרײַשאַפט איז ניט שײַך אַן א נ ש ט א ָ ט...
באַצאָלן מוז מען דאָ מיט זיך,
אַלץ איינס איז וויפל צוליב דעם מען קלעמט זיך.
ס'האָט גאָט פאַרלאַנגט מײַן נאָכמירדיקן איך,
מוז איך אים אָפּגעבן מײַן ליבן המשך.
מײַן זוכנדיקן טראָט עס האָט דער ברייטער וועג פאַרכאַפּט,
האָב איך דערזען, ווי שמאָל עס איז צ ו ז י ך דאָס שטעגל.
איך האָב זיך אָן דער ענגשאַפט אָפּגעקלאַפּט,
האָב איך געמוזט דעם אומענד זוכן זיך דערוועגן.
אַנטפּלעקט האָב איך די גרויסקייט, וואָס הייסט גאָט,
דעם וווּנדער, וואָס געטרײַשאַפט הייסט, איך האָב געפונען;
איז איצט פאַר מיר דאָס געטלעכע געבאָט,
אָט דאָס, וואָס פאַרן גייער דאַרשטיקן אַ ברונעם.
כ'האָב זיך פאַרקנעכט צום שפּרודלדיקן א ל ץ,
פון וועלכן אַלע אָנהייבן און ענדן קומען.
זיך אָנגעשלונגען מיטן טרערנזאַלץ,
איך האָב די גרויסקייט פונעם מקריב זײַן באַנומען —
די הערלעכקייט פון קענען אָפּשעכטן אַ זון
פאַר דעם, וואָס איז פון אַלעמען און אַלצדינג גרעסער,
די שטאַרקייט פון ניט טראַכטן, אַז ס'איז קרום,
און צוקוקן זיך טעמפּ צום שאַרף פון מעסער...

ס׳גייט אויף די זון.
ס׳גייט אויף מײַן מוט.
אַ האַרטער און צופרידענער צום שעכטאָרט כ׳קלעטער.
עס איז מיר פּלוצעם אַזוי אויפטרייסלענדיק גוט —
כאָטש איך פֿאַרראַטן גיי, איך ווער אַ רעטער...
ווי שאָלעכץ ברודיקע עס טיילט פֿון מיר זיך אָפּ
מײַן נישטיקער, מײַן אויסגעהוילטער נעכטן,
אַ גרויזאַמער פֿאַרשנײַדנדיקער טאָג
קומט מיט דער גרויסקייט מיך צוזאַמענפֿלעכטן.

ס׳גייט אויף די זון.
ס׳גייט אויף מײַן מוט.
ס׳גייט אויף די זון אויף צו פֿאַרגיין,
מײַן מוט גייט אויף צו שײַנען אייביק...

ווילנע, אָקטאָבער־נאָוועמבער 1965

נאָך דער עקדה

אַברהם: שוין לאַנג אַזוי צוריק אַהיים מיר רײַטן.
דעם קרבנס רויך איז שוין אַוודאי אינעם הימל.
ס'באַגלייט אונדז לאַרכגעזאַנג, אַ ווינטל צערטלט,
עס לויפן יעדע ווײַלע פּיקסלעך אונדז פאַרבײַ...
ס'איז אַלץ אונדז, יצחקל, אַזוי, דוכט זיך, געראָטן —
די בראַנדגאַב אונדזערע האָט גאָט באַוויליקט,
און מיר, געלײַטערטע, איצט קערן זיך צוריק אַהיים.
טאָ וואָס זשע ביסטו, זון מײַנער, אַזאַ פאַרטראַכטער?
וואָס ביסטו דווקא הײַנט אַזוי פאַרשוויגן?
ניט שפּילסט זיך, ניט דו רעדסט, ניט שטעלסט
מיר פראַגעס.
דו האָסט דאָך, זונעלע, עס שטענדיק אַזוי ליב.

יצחק: כ'ווייס ניט, פאָטער. כ'ווייס אַליין ניט!
כ'קען ניט ריידן, כ'קען ניט לאַכן.
ס'פאַלט ניט אײַן מיר זיך צו שפּילן.
איך האָב מורא פאַר דײַן בליק!

אַברהם: זון, וואָס הער איך עס? וואָס רעדסטו?
ווי קענסטו אַזעלכעס זאָגן?
האָט דען ווער נאָך אַזוי ליב דיך,
ווי דײַן אַלטער גרויער טאַטע?
איז פאַראַנען דען נאָך עפּעס,
וואָס זאָל זײַן מיר אַזוי טײַער,
ווי דײַן שטיפעריש ניט-פאָלגן?
וואָלט איך דען ניט מײַן פאַרמעגן —
אַלע שקלאַפן, קי און קעמלען
אָפּגעבן פאַר בלויז איין שמייכל,
וואָס דײַן פּנימל באַשײַנט?

יצחק: פאָטער, וואָס איז דאָרט געשען?

אַברהם: ווו? וואָס מיינסטו, זונעניו?

יצחק: אויף די פעלדזן פון מוריה.
גיב מיר, פאָטער, צו פאַרשטיין עס.
כ'קען ניט בײַקומען מײַן פחד —
איך האָב מורא פאַר דײַן בליק!

אַברהם: יצחקל, ביסט דאָך אַ קלוגער.
פאַסן דיר אַזעלכע ווערטער?
און נאָך ווען? אין טאָג דעם גרויסן,
ווען ס'האָט גאָט מיט גנאָד באַוויליקט
אָנצונעמען אונדזער בלוטגאָב?
דו געדענקסט, ווי העל געפלאַקערט
ס'האָט דער שײַטער מיטן שאָפּבאָק,
ווי דאָס שמאַלץ האָט זיך געבלעזלט,
און ווי גראָד עס איז געשטיגן
דער געדיכטער רויך צום הימל?
האָסט באַמערקט, ווי אויפן חלף
האָט דאָס בלוט זיך ניט פאַרהאַלטן,
און ער איז פאַרבליבן בליציק,
ווי ער וואָלט גאָר ניט געשאָכטן?
עפּעס איז דאָך ווערט אַזעלכעס!
אַלע גינציקע סימנים
קענען דאָך ניט זײַן אַ צופאַל.
גאָט באַוויליקט אונדזער גאָב!...

— — — — — — — — — — — —

ווילסט אפשר, מײַן זון, וואָס עסן?
נעם אָט דאָס־אָ ציגנקעזל.
ס'איז פון סאַמע זיסטער מילך...

יצחק: פאָטער, כ׳קען גאָר איצט ניט בײַסן.
ס׳פאָלגן מיר ניט מײַנע ציינער...

אַברהם: וויקל אײַן זיך אין די פעלן,
וועט גלײַך וואַרעמער דיר ווערן.
ס׳איז אַ קאַלטער דער פרימאָרגן,
שווידערט דיך און ס׳קלאַפּן ציין...

יצחק: כ׳דאַרף ניט, טאַטעלע, די פעלן.
ס׳איז ניט קאַלט מיר. ס׳איז מיר שרעקלעך,
איך האָב מורא פאַר דײַן בליק.

אַברהם: זון, לאָז אָפּ די שטותערײַען!
פאַר דײַן פאָטער האָסטו מורא?
ווי קענסטו אַזוינס גאָר זאָגן?!

יצחק: בייזער זיך ניט. שרײַ אויף מיר ניט.
כ׳וויל דיך, פאָטער, זען אַ ליבן,
ווי איך בין געוווינט צו זען דיך.
אָבער קוק! דו זעסט דעם שאָטן,
וואָס גייט נאָך הינטערן אייזל?
פּונקט אַזוי גייט נאָך מיר איצטער
דײַן פאַרגלייזטער פרעמדער בליק...

אַברהם: זון! געגנוג! ביסט קראַנק. דיך טרייסלט.
דעק זיך אײַן, וועט גרינגער ווערן.
וואַרעמקייט פאַריאָגט די בילדער,
וועלכע ס׳מאָלט דער פיבער אויס.
אָט אַזוי!.. אַיאָ, ס׳איז בעסער?
בייג נאָך מער די פעלן אונטער.
מער נאָך... מערער... ווײַטער... טיפער...
צי אַרויף אַ ביסל העכער —

ביזן קין עס זאָל דערגרייכן.
איצט איז גוט. ליגסט, ווי פאַרוויקלט.
שלאָף! שלאָף איַין, מיַין טיַיער קינד!

יצחק: טאַטעלע, זאָג מיר צו וואָס
האָסטו אָט די שפּיל באַדאַרפט?

אַברהם: שלאָף, מיַין זון, פאַרגעס אין אַלעם.
שפּילן דאַרף מען ניט געדענקען.
שפּילן זענען, ווי דער רויך.

יצחק: ווי דער רויך? ... דער רויך געקומען
איז ערשט שפּעטער — נאָך דעם, נאָך דעם...
כ׳פרעג וועגן דיַין שפּיל מיט מיר.

אַברהם: נאַ דיר, זונעניו, אַ מילגרוים.
זאָל זיַין זויערקייט דערקוויקן
דיַינע שמאַכטנדיקע ליפּן.
וועט דיך מער ניט רונצלען פיבער,
וועלן דיך ניט קוועלן בילדער,
אָנגעיאָגטע פון דיַין היץ...

יצחק: פּאָטערל, זע, ווי ס׳איז מאָדנע:
דוכט, די שיַיטלעך האָלץ — די זעלבע.
טאָ פאַר וואָס אויפן מזבח
זענען זיי געוועזן פיל האַרטער,
ווי אַפריִער, ווען געלעגן
זענען זיי נאָך אויפן אייזל?

אַברהם: נעם, זייג אויס דעם זאַפט פון מילגרוים,
וועט אַריַינפליסן דערפרישונג
אין די אויסגעדאַרשטע גלידער,

אין געמיט און אין געדאַנק.
דעמאָלט וועט אפשר אַ דרימל
דײַנע מידע ווִיעס צוטאָן.
וועט דער שלאָף דײַן שלאַפקייט היילן,
און וועסט אויפכאַפּן זיך שפּעטער
פון דײַן שווערקייט שוין באַפרײַט.
וועסט אַ פריילעכער געניסן
פונעם רײַטן אויפן אייזל,
פון די ווּנדערלעכע בלומען,
וואָס זיי פינקלען אויף די לאָנקעס,
פון די בינען, פון די לאַרכן,
פון די בערג, וואָס בײַטן פאַרבן,
פון דער שפּעדיקער שיינקייט,
וואָס מען טרעפט זי נאָר אין וועג...

יצחק: אָבער, פאָטער... אָבער, פאָטער... —
האָסט נאָך אַלץ מיר ניט געענטפערט
וועגן יענער מאָדנער שפּיל...

אַברהם: שפּיל פאַרגעסט מען. שפּיל איז שאָלעכץ,
שפּיל איז שוים, איז רויך, איז חלום —
זי גאָר קומט, מען זאָל פאַרגעסן,
אַז זי איז אַ מאָל געווען.

יצחק: ניין! ניט אַלע, אַלע שפּילן
קען מען אַזוי גרינג פאַרגעסן.
ס'איז געווען אַ שפּיל אַ ווילדע,
ס'איז געווען אַ שפּיל אַ בייזע,
אײַנגעהילט אין בלוט און פײַער,
און פאַרקרעמפּעוועט מיט שטריק...

אַברהם: שוין גענוג דיר, קינד מײַנס, טראַכטן
וועגן בלוט און וועגן פײַער.
הער בעסער: איך וועל דערציילן
דיר אַ מעשׂהלע אַ הערלעכס,
וואָס געהערט כ׳האָב פון מײַן מאַמען
דאָרט נאָך, אין מײַן היים — אין כּשׂדים,
ווען געווען כ׳בין נאָך אַ פּיצל
און, ווי דו, אַ ליבלינגקינד.
ס׳איז אַ מעשׂהלע — אַ וווּנדער.
הערסט עס, הערסט עס, ווערסט אַנטשלאָפן,
און אין שלאָף דו הערסט עס ווײַטער,
פּונקט ווי וואָלסט גאָר וואָך געווען.
הער מיט קאָפּ און מי זיך דרימלען,
ווײַל דאָס מעשׂהלע אין חלום
האָט נאָך דרײַצן מאָל מער חן...
ס׳האָט געלעבט אַ מאַן אין שינער
ניט קיין יונגער, ניט קיין אַלטער,
מיט אַ באָרד — נאָך שוואַרץ, שוין גרוי.
האָט געהאַט ער זיבן ווײַבער,
נײַן און פערציק זין און טעכטער
און געווען איז ער אַ רײַכער —
אויסגעמאַכט האָט זײַן עשירות:
טשערעדעס פון פעטסטע רינדער,
סטאַדעס קעמלען, הורטעס ציגן,
סטײַעס גענדז און טשאַטעס פּאַוועס,
שעפּסן — שפּע׳ס פליש און וואָל.
נאָר דאָס טײַערסטע פון אַלצדינג —
גרעסטער שטאָלץ פון זײַן פאַרמעגן
איז געווען, מײַן קינד, דו הערסט מיך?
הערסט? אַ מוילאייזל, וואָס רעדט!...
דוכט, אַ פּשוטע בהמה —
ברייטע ביינער, פוילע גלידער,

אויגן, מידע פון הכנעה,
נאָר אַ צונג — אַ, סאַראַ צונג !...
קודם האָט מען ניט געגלייבט גאָר,
אומבאַהאָלפן צוגעשמייכלט,
אָבער ווען עס האָט גאַנץ שינער
יעדן טאָג געהערט אים ריידן,
האָט באַוווּנדערונג צעפּלאַקערט
זיך פון אור ביז צו דמשק,
קרית־ארבע האָט געפּיבערט
מיטן מוילאייזל, וואָס רעדט...
האָט דער רײַכער מאַן געגרייסט זיך
מיט זײַן אומגעהערטן אויסנאַם,
אים גענומען טײַער האַלטן:
טאָג און נאַכט בײַ אים געשטאַנען,
נאַכט און טאָג אויף אים געקוקט נאָר,
אים געפּיטערט, אים געפּויעט,
אים געגלעט די פּעל די בלאַנקע.
אַלע טשערעדעס און טשאַטעס
אויף די פּאַסטעכער געלאָזן,
און אַליין — געטאָגט, גענעכטיקט
בײַ זײַן ליבן מוילאייזל.
און אַז קומען פלעגט די רגע
און ס׳פלעגט נעמען מענטשן־לשון
פליסן פון די שוואַרצע לעפּצן
אין אַ ווײַסן סלינעשטראָם,
פלעגט דער רײַכער מאַן געזעצטער
אָנווערן זײַן לעצטן שׂכל —
ווי אַ קינד זיך נעמען קוליען
אויף דער ערד פון גרויס התפּעלות...
און דערנאָך (ווען אויסגעלאָדן
ס׳איז די ערשטע ווילדע שׂימחה)
פלעגט ער בלײַבן זיצן רויִק —

אַזאַ נחתדיק צעהעלטער,
קוועלן, קוועלן, אונטערווינקען:
„נו, וואָס זאָגט איר?... איר שוין הערט?"
דאָך די זון איז ניט געשטאַנען.
זי איז דורך צוויי גאַנצע קרייַזן
זינט דער רייַכערווירט פון סטאַדעס
זייַן פאַרמעגן האָט פאַרלאָזן
אויף די פאַסטעכישע הענט.
איז געשען, געשען דאָס אומגליק:
תּחילת איין ציג האָט געעקט זיך
(אַנדערע האָבן געמעקעט,
ווי נאָך קיין מאָל ניט ביז דאַן!)
באַלד אָבער גענומען פאַלן
האָבן איינע נאָך דער צווייטער.
אַ מעת-לעת איז קוים פאַרלאָפן,
ווי עס האָבן גאַנצע סטאַדעס
אויסגעצויגן שטאַרע פיס...
פון די ציגן איז אַריבער
צו די לעמער, צו די אייזלען,
צו די רינדער, צו די קעמלען,
צו די פאַסטעכהינט די בייזע —
אומגעוואַלגערט אָן רחמנות
און דעם אָטעם צוגערויבט...
האָט דער מאַן (דער שוין ניט רייַכער)
איצט דערזען ווהין פאַרפירט ס'האָט
אים דער מוילאייזלשער ווונדער,
האָט ער זיך די האָר געריסן,
אַלע נעגל זיך צעביסן,
אָנגעצונדן זייַנע בלוטן
האָט אַ מערדערישער צאָרן
אויפן מוילאייזל, וואָס שולדיק
איז אין אַלע זייַנע פּלאָגן.

איז ער צו צו אים פֿאַרגזלנט,
זיך אַ שטעל געטאָן אַ שטײַפּער
און אַ בליק געטאָן אויף אים, אַז — —

יצחק: פֿאָטער, כ׳וויים דעם בליק, איך וויים אים!
כ׳זע אים נאָך פֿאַר מײַנע אויגן.
אַזאַ פֿרעמדער, קאַלטער, שאַרפֿער,
אַז עס דוכט זיך, ס׳איז דער חלף
קעגן אים אַ טעמפּער גאָר!
כ׳וויים דעם בליק, איך וויים אים, כ׳וויים אים.
גערן וואָלט איך אים פֿאַרגעסן.
אָבער זינט האָסט אים געשיקט מיר,
לויפֿט ער נאָך מיר, שטייט ניט אָפּ...

— — — — — — — — — — — — —

פֿאָטער, ניט דערצייל מיר ווײַטער!
כ׳קען עס, פֿאָטער, מער ניט הערן.
עפּעס דרייט זיך, עפּעס שווינדלט,
עפּעס אַרט מיך, וואָס דײַן שאָטן
אַזוי ענלעך איז צו דיר...

אַברהם: אָ, מײַן נאַריש לעמעלע!

יצחק: לעמעלע?... יאָ, ווי אַ לעמל
האָסטו מיך געהאַט געבונדן.
פֿאָטער, זאָג מיר, זאָג כאָטש איצטער
צוליב וואָס געווען איז נייטיק
דיר אַ יענע מאָדנע שפּיל?

אַברהם: סתם אַזוי — כּדי אַ שפּאַס טאָן.
כ'האָב געוואָלט דיר פרייד פאַרשאַפן.
כ'האָב געמיינט, ס'וועט דיר געפעלן
פאָרשטעלן זיך, ביסט אַ קרבן
און דו ליגסט אויפן מזבח,
גרייט עס זאָל דער רויטער שײַטער
אויף אַ לאַנגער האַנט אַ שוואַרצער
דיך אַרויפהייבן צו גאָט.
כ'האָב געטראַכט, עס וועט דיך פרייען
אַזאַ אומדערוואַרטע שפּיל.

יצחק: פרייען? פאַטערל, פּונקט דאָרטן
האָב איך דאָך די פרייד פאַרלאָרן,
און איר אָרט אין מיר פאַרנומען
האָט אַ קרעלנדיקער אומרו...
כ'ווייס ניט, וואָס מיט מיר געשעט איצט:
שרעק האַקט איבער מיר דעם אָטעם,
היץ און קעלט מיט מיר זיך רייצן,
שווער באַוועגן זיך די ליפּן,
דאָך די שמאַרצנדיקע ווערטער
קײַקלען זיך פון זיי אַרונטער,
פּונקט ווי לינדזן גלאַט און רונד...

אָט־אָ זענען זיי די ווערטער:
פאָטער, וועמען רופט מען מערדער?
כ'טראַכט און איך דערטראַכט זיך ענדלעך,
אַז עס בלײַבט מיר ניט פאַרשטענדלעך,
צי דער באָק, פאַר גאָט באַשערטער,
דאַרף דיך האַלטן פאַר אַ מערדער?...

— — — — — — — — — — — — —

פאָטער, מאַטער מיך ניט מער,
ערלעך אַלצדינג מיר דערקלער!
אויב שוין שפּאַסן, אויב זיך שפּילן,
אויב די שטיפבאַגערן שטילן,
וואָס זשע האָסטו נאָך באַדאַרפט
כאַפּן זיך צום מעסערשאַרף?
כ'האָב אויף אייביק פאַרגעדענקט,
ווי געקנאַקט ס'האָט דאָס געלענק,
ווען דו האָסט מײַן האַנט געבייגן,
איך זאָל אויפן האַלץ זיך לייגן,
און מיך אַזוי שטײַף געבונדן,
אַז צעעפנט האָט עס וווּנדן...

אַברהם: זון מײַנער, ביסט זייער קראַנק.
דיך פאַרפירט אַ היצגעדאַנק.
זעסט איצט אַלץ, וואָס האָסט געזען,
אַנדערש, ווי עס איז געווען.

יצחק: ניין. ניט אַנדערש! איך וואָלט וועלן,
זײַן ס'זאָל אַנדערש, און ניט קוועלן
זאָל מיך מער דײַן **יענער** בליק!

אַברהם: זון, ס'האָט אַלץ זיך וויל באַקומען.
אונדזער גאָב איז אָנגענומען.
פריי זיך מיט דער גרויסער שעה,
וואָס ס'איז גאָט דערנעבן דאָ.

יצחק: כ'פריי זיך, וואָס ס'איז גאָט דערנעבן.
אָבער אָ ווי שווער ס'איז לעבן,
ווען ס'גייט נאָך אַ קוילערבליק,
שײַטלעך האָלץ און פענטעשטריק!

אַברהם: כ'שווער ביַי מיַינע גרויע האָר,
אַז דו זעסט געפּעלשטע וואָר!

יצחק: אָבער, פֿאָטערל, איך וויל
פֿאָרט באַנעמען יענע שפּיל.
האָסט פֿאַרדעכטיק זיך געאײַלט,
יעדע וויַיל דיַין פּויסט געבײַלט,
און דעם חלף האָסט געהאַלטן,
ווי וואָלסט אים פֿון מיר באַהאַלטן.

אַברהם: גאָט האָט מיר אַזוי געהייסן!
מענטשן נאָך ניט אַלצדינג ווייסן.

יצחק: שרעק איך דאַן זיך אויך פֿאַר גאָט.

אַברהם: שרעק פֿאַר גאָט איז גאָטס אַ גנאָד!

יצחק: אָבער יעדע שרעק טוט ווי,
און דו גיסט מיר איצט גאָר צוויי!

אַברהם: שרעקסט זיך, זונעלע, אומזיסט.
גאָט פֿון קרבן פֿרייד געניסט.
ער האָט ליב, ווען מען אים דינט
און דעם וועג צו אים געפֿינט.
שרעקסט זיך, זונעלע, אומזיסט!

יצחק: ווי זשע זאָל איך זיך ניט שרעקן,
ווען כ'דערמאָן, כ'דערמאָן זיך אַלץ,
ווי געבונדן כ'בין געלעגן
פֿון די קנעכלעך ביז צום האַלדז;
און צערודערט, און צעטראָגן
האָסט צעשויבערט זיך געטראָגן

מיטן חלף אין דער האַנט,
גרייטנדיק מיך פֿאַר דעם בראַנד.

אַברהם : זון, ניט אמת ! ווייסט גאַנץ גוט,
אַז געווען ס׳איז נאָר אַ שפּיל.

יצחק : אָבער ס׳טראָגט דערפֿון מיט בלוט,
און דאָס בלוט איז מײַנס, איך פֿיל...

אַברהם : זון, ס׳איז איצט שוין סײַ ווי סײַ
אַלצדינג, ווי דער רויך, פֿאַרבײַ.

יצחק : פֿאָטער, ניין ! עס נאָגט נאָך, נאָגט...
ס׳האָט דײַן בליק דאָרט אויסגעזאָגט,
אַז די שפּיל גיט זיך דיר שווער,
אַז דיך שמאַרצט דײַן יעדער קער.
דאָך, הגם ס׳קומט שווער דיר אָן,
גרייט ביסט שוידערלעכס צו טאָן...

אַברהם : זון, גענוג דיר ! מי זיך שלאָפֿן !

יצחק : אָ, ווי דו ביסט אומגעלאָפֿן
ביז דו ביסט געבליבן שטיין,
ווי אויך דו וואָלסט זײַן פֿון שטיין...

— — — — — — — — — — — —

יאָ, דו ביסט געווען פֿון שטיין...

אַברהם : יצחקל, זאָל זײַן גענוג !
כ׳ווייס, מײַן נאַרעלע, ביסט קלוג,

און דו זעסט אַליין אויך איַין,
אַז דיך פּיַיניקט פאַלשע שיַין.

יצחק: פּאָטער, זאָג מיר, ווי קען זיַין
קלאָרע שיַין אַ פאַלשע שיַין?
און פאַר וואָס בכלל דאַרף זיַין
אויף דער וועלט אַ פאַלשע שיַין?

אַברהם: דאַרפסט פאַרשטיין דאָך, אויב גאָט וויל
מיטן מענטש זיך טאָן אַ שפּיל,
דאַרף דער מענטש צופרידן זיַין,
אויך ווען עס פאַרשאַפט אים פּיַין.

יצחק: פּאָטערל, פאַר וואָס פעלט מוט
זען אויך יענעמס בלוט, ווי בלוט?

אַברהם: קינד מייַנס, איך בין מער ניט יונג —
גיך ווערט מיד מיַין אַלטע צונג.
ריידן לאַנג קומט אָן מיר שווער,
לאָמיר רייַטן, שוויַיגן מער.

יצחק: פּאָטער, כ׳ווייס, דו האָסט מיך ליב.
אַזוי היים קושט מיך דיַין ליפּ,
דאָך צוגלייַך דו ליב האָסט גאָט —
רעדסט פון אים אויף יעדן טראָט.
איין געפיל פאַר צוויי איז קליין.
כ׳וויל, זאָלסט ליבן מיך אַליין!

אַברהם: זונעלע, האָסט מיך דערשראָקן.
ווי קענסטו אַזעלכעס זאָגן?
ווי ניט ליבן כ׳זאָל מיַין זון,
טאָר ניט לייַדן גאָט דערפון.

יצחק: און ווען, פּאַטערל, פֿאַרקערט:
וואָלסטו גאָטס באַפֿעל געהערט?
ווען ער זאָגט: „אַברם, מײַן קנעכט,
דײַן בן־יחיד בינד און שעכט״?

אַברהם: זונעניו, וואָס פֿעלט דיר אײַן?
ווי קען גאָר אַזעלכעס זײַן?

יצחק: אָבער, פּאַטער, אין דער שפּיל
האָסטו דאָך אַזוינס געטאָן.
בלוט און אָטעם ווערן ווילד,
ווען איך זיך דערין דערמאָן.

אַברהם: זונעניו, פֿאַרגעס, פֿאַרגעס!
ס'איז אַוועק שוין אַ מעת־לעת
זינט דער קרבן איז באַוויליקט.
כ'האָב מײַן חוב צו גאָט געסילוקט
און מיר רײַטן איצט אַהיים
אָנהייבן אַ נײַ פֿריש לעבן.
פֿאַר דײַן ליגן אויפֿן שטיין
וועט דיר גאָט פֿיל גוטס נאָך געבן.

יצחק: פּאַטערל, ווי קען זײַן גוט?
דו זאָגסט: גאָט, און איך זע: בלוט! ...

ווילנע, 7 - 17 פֿעברואַר 1969

יעקבֿס חלום

אַ האַרטער שלאָף,
אַ שטיין צוקאָפּנס,
און צווישן קאָפּ און שטיין — אַ דלאָניע.
די נאַכט איז זיס, ווי פֿרישער האָניק,
דער חלום פֿליסט, ווי ריינער בוימל...

אַ יונגער שלאָף,
אַ שטיין צוקאָפּנס.
עס ליגן לעבן מאָן זײַן שטעקן,
זײַן קלומיקל מיט האַרטע קעזלעך,
און ס'קוקט אויף זיי דער שוואַרצער הימל
מיט גרויסע נײַגעריקע שטערן...

אַ טיפֿער שלאָף,
אין שלאָף אַ זעונג:
אַ לייטער שטייט, זײַן שפּיץ — אין הימל,
און אויף די העלע שטאַפּלען זײַנע
סע שטײַגן, נידערן מלאכים.
אַנשטאָט זיך אויפֿהייבן און שוועבן
זיי קלעטערן, ווי מענטשנקינדער,
און פֿליגל טוען קוים אַ צאַפּל
נאָר אויף צו ראַטעווען די גלײַכוואָג...

אַ זיסער שלאָף,
אַ וווּנדער־זעונג.
די נאַכט פֿליסט: אייל געמישט מיט האָניק.
ס'שטײַגט יעדערער פֿון די מלאכים
אַרויף צום סאַמע שפּיץ פֿון לייטער
און לאָזט צוריק זיך באַלד אַרונטער.
עס טראָגן זיך, ווי ווײַסע ווינטן,
די הימל־שׂרים פֿון די פֿעלקער.

ס'גייט יעדערער פֿון זיי דעם וועג דורך
(דעם גאַנג אַרויף און דעם אַראָפּגאַנג),
וואָס וועט באַשערט זײַן אין דער צוקונפֿט
דעם פֿאָלק, וואָס ער איז זײַן באַשיצער.

אַ גרויסער שלאָף,
אַ מאָדנער חלום.
און ס'ליגט דער פֿאָטער פֿון אַן אומה
און גיט ניט אונטער זיך דער זעונג.
דער אָנהייבער פֿון שטאַם דעם נײַעם
געטרויט זײַן ווונטש מער ווי די אויגן:
זײַן מלאך אויבן וועט פֿאַרבלײַבן,
זײַן פֿאָלק וועט וויסן נאָר אַרויפֿשטײַג —
רק אויפֿגאַנג, אויפֿגאַנג אָן אַראָפּגאַנג...

*

הייבט זיך דער מלאָכים-גאַנג און נידערט,
ריזלען פֿון די פֿליגל צאַרטע לידער.
כאַפּט זיי אויף די צוקונפֿט-גאַרונג און צעפּויקט זיי...

— — — — — — — — — — — — —

ווו די האָפֿענונג זעט קלערער, ווי דאָס אויג זעט,
איז אַ הייליקטום. גאָטס הויז איז דאָרט!
ניין! ניט לוז, נאָר בֵּית-אֵל הייסן מוז דאָס אָרט...

ווילנע, יוני 1969

דער ברענענדיקער דאָרן

והנה הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל (שמות ג, ב)

ציטערן בײַ משהן
די מגושמדיקע הענט:
ס׳ברענט דער דאָרן,
ס׳ברענט דער דאָרן
און ווערט ניט פֿאַרברענט...

ווי זאָל עס אַ פּאַסטעך
אַזאַ מאָדנעם בראַנד פֿאַרשטיין:
זאַמד און וויסטעניש,
און מיט אַ מאָל גאָר גאָט אַליין?!

ניין, ס׳איז ניט דער דאָרן בלויז,
דער גאַנצער מידבר, דוכט זיך, פֿלאַמט.
קנאַקט און שמעלצט זיך,
קנאַקט און טרערט דאָס אַנגעגליטע זאַמד;

און דער פּאַסטעך — בלייך, פֿאַרלאָרן —
שטייט און קוקט.
ווי זאָל ער אַזוינס באַגרײַפֿן —
פֿײַער ניט פֿאַרצוקט?!..

דריקט ער צו צו זיך
די ווייכע, פֿיבערדיקע לאַם.
ווי אַ שווערער אָדלער־פֿליגל
פּאַטשט און פּאַטשט דער פֿלאַם.

ס׳בושעוועט מיט רוגזה
בייזע רויטקייט, וואָס פֿאַרלענדט,
און דער דאָרן פֿלאַקערט,

און דער דאָרן פֿלאַקערט,
און ווערט ניט פֿאַרברענט...

וואָס אַזוינס געשעט דאָ?
סאַראַ צייכן קען עס זײַן?
ווו איז גאָט, ווו?
ווו איז גאָט, ווו —
אין דער קראַפֿט צי אין דער שײַן?

שטייט דער פּאַסטעך
שטאַר, ווי אויסגעהאַקט פֿון שטיין,
קוקט אין פֿלאַקער,
דאָך ער זעט גאָר גושנס ליים...

וואָס געשען וועט?
וואָס וועט ווערן מיט ישׂראלס הויז,
אַז דער דאָרן פֿלאַקערט,
אַז דער דאָרן פֿלאַקערט,
ברענט ניט אויס?..

פֿיבערט משה. ציטער ריזלט
דורך די אָדערדיקע הענט —
ער אַליין שוין, ער אַליין גאָר
ווי דער דאָרן ברענט...

היץ אין מידבר, נס אין מידבר,
פֿלאַם און שווער געמיט.
שטייט דער פּאַסטעך, אַ געפּלעפֿטער,
און זײַן דמיון בליט.

בײַ דעם פֿלאַקער פֿונעם דאָרן
מיט דער גרויסקייט האָט ער זיך באַקענט:
ברענען, ברענען —

שטענדיק ברענען
און ניט ווערן אויסגעברענט!

ס׳וועט דער פּלאַמענדיקער ווּנדער,
וואָס דורך אים אַנטפּלעקט זיך גאָט,
צו באַפרײַען זײַנע ברידער
ווענדן איצט זײַן טראָט!..

ווילנע, דעצעמבער 1967

פרעהס חלום

און דער הערשער,
וואָס פֿלעגט יעדע נאַכט אין טיפֿסטער רו פֿאַרזינקען,
שלאָפֿזעונג ניט זען, צי אפֿשר תּיכּף זי פֿאַרגעסן,
האָט אין איינעם פֿון די טעג, ווען ס׳פֿליצט דער ניל אויס,
אויף זײַן בעט פֿון העלפֿאַנדביין געזען אַ חלום:

ס׳ברויזט דער טײַך, פֿאַרגיסט מיט שוים די פֿלאַכע ברעגעס.
אינעם שלײַם — צעמורזשעטע צעווייקטע וואַסערפֿלאַנצן.
ווי אַ זילבער-וואָלקן שוועבט די פֿרייד פֿון קומענדיקער שפֿע,
פֿלייצנדיקע לינדקייט צערטלט די דערקוויקטע גלידער.
און ער שטייט, דער הערשער,
אויפֿן ברעג פֿון ברייטן טײַך צעשפּילטן,
איינער — אָן זײַן לײַבוואַך, אָן זײַן סוויטע.
גאָרנישט לעבעדיקס אַרום
(אַפֿילו ניט קיין הונט און ניט קיין פֿויגל) —
אַזאַ ליידיקייט, וואָס ניט בײַ טײַכן טרעפֿט,
נאָר בלויז אין האַרץ פֿון מידבר...

מיט אַ מאָל ער זעט:
די אייבערפֿלאַך פֿון וואַסער נעמט זיך הוידען.
ניט קיין כוואַליעפֿאַלדן, ווי געוויינלעך, זיך קאַלויטשען —
בערגלעך קומען אויף און וואַקסן, ווערן גרעסער, רונדער, העכער;
און אָט שטעקן פֿון די בערגלעך שוין אַרויס גאָר הערנער.
זיבן קעפּ פֿון קי סע שטײַגן פֿונעם מוטנעם וואַסער.
נאָך די קעפּ — אויך העלדזער, גוידערס, אײַטערס, טלאָען.
זיבן פֿעטע קי מיט גלאַנצנדיקער פֿעל און לויכטנדיקע אויגן
טויכן פֿונעם טײַך אַרויס און מיט אַ גאַנג געמיטלעך-גרינגן
לאָזן זיך אַוועק מיושבֿדיקע פֿונעם גראָז געניסן...
שטייט דער הערשער, ווי פֿאַרגולמט, קוקט אויף זיי דערשראָקן,
גלײַך ס׳וואָלט יעדערע פֿון זיי זײַן ניט אַ קו אַ פּשוטע, נאָר כאַטאָר *.

---

* כאַטאָר — די אוראַלטע מיצרים האָבן זייער גאָט פֿון הימל און פֿון גערעטעניש זיך פֿאַרגעשטעלט אין געשטאַלט פֿון אַ קו.

וואָס אַזעלכעס זעט ער דאָ איצט אויפֿן וויסטן טײַכבברעג?
ווער קאָן אַזאַ אומגלייבלעכע וואָר באַנעמען?

שטייט דער הערשער, קוקט דער הערשער, זעט דער הערשער:
אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון טײַך עס נעמט זיך ווידער בערגלען,
און די בערגלעך וואַקסן, ווערן גרעסער, קײַלעכדיקער, העכער —
נײַע זיבן קעפּ פֿון קי עס הייבן זיך אַרויס פֿון וואַסער,
נאָך די קעפּ — די העלדזער, גוידערס, ווײדלען, טלאָען.
זיבן קי מיט זײַטן אײַנגעפֿאַלענע און שטאַרצנדיקע ריפּן —
קי מיט אויגן הונגעריקע און מיט אײַנגעדאַרטע אײַטערס —
רוקן זיך פֿאַרשטאַרטע איבער דער באַשלײַמטער לאַנקע
צו די ווױלגעהאָדעוועטע שיינהייטן די פֿעטע.
ריזלט סלינע פֿון די מאָרדעס קרעציקע אויף די צעפּלאַצטע טלאָען,
שטיקט אַ שׂינאה־מרוקעניש דאָס מרוקעניש פֿון ווױלטאָג,
און עס וואַרפֿן זיך אַרויף די זיבן מיאוסניצעס בייזע
אויף די זיבן שיינהייטן געכאָוועטע באַלײַבטע,
שלינגען אײַן זיי מיט דער רישעותדיקסטער רוגזה
און פֿאַרבלײַבן אויסגעדאַרט און העסלעך, ווי געווען...

— — — — — — — — — — — — — —

אויפֿגעכאַפּט האָט זיך מצרימס הערשער
אויף זײַן שטרויספּוך־פּערענע, פֿון שווידערשוויים באַנעצטער,
און געבליבן ליגן נאָכן אויסטערלישן וויסטן חלום,
ווי עס וואָלט אויך אים פֿאַרצוקט די פּרעסערישע דער...

ווי איז אים, דעם אייבערהערשער פּרעה!
אַזאַ זעונג רויבט די רו בײַם מוטיקסטן באַצווינגער.
מאַכט פֿאַרלײַדט ניט, אָנמאַכט זאָל באַזיגן.
הערשאַפֿט קאָן ניט צוזען,
ווי די שוואַכקייט שלינגט אײַן קראַפֿט!..

ווילנע, מאַרץ 1968

שמשון

(געזאַנגען)

1

היים איך שמשון, נאָך דער זון,
וואָס קומט דען אַרויס דערפֿון,
אַז אַרום איז שווערע נאַכט,
אונדזער פֿרײַהייט אויסגעלאַכט —
פּלישתּים הערשן אומעטום.
קען דען טרייסטן מיך די זון?

2

מידבר, מידבר, ווייע ווינט,
צום געביל פֿון פּאַסטעכהינט
ברענג אַהער שאַקאַל-געוווי!
אין מײַן האָרץ איז אויך אַזוי —
צו דעם ווייטיק פֿאַר מײַן שטאַם
קומט די שׂינאה פֿון ברעג ים —
עקרון, עזה, ווײ און ווינד.
מידבר, מידבר, ווייע ווינט!

3

כ׳קען ניט שלאָפֿן אין די נעכט,
ליג איך וואַכערהייט און פֿלעכט
צעפּעלעך פֿון מײַנע האָר.
כ׳וועל זיי אויסציילן קאַיאָר;
זייער צאָל איז אַ פֿאַרזאָג
פֿאַרן קומענדיקן טאָג:
וויפֿל צעפּלעך — אַזוי פֿיל
טויטע פּלישתּים. נאָר איך פֿיל:
עס איז קנאַפּ נאָך. גאָט, אָ, זאָג,
ווען וועט קומען שוין דער טאָג,
ווען פֿון אַלע האָר פֿון קאָפּ

וועל איך אויספלעכטן איין צאָפּ?
אַלע פּלישתים — זײַן באַטײַט.
גאָט, ווען קומט זי שוין, די צײַט?

4

אַלע ווײַזן אויף מיר אָן:
„זע, דײַן גיבור, שבט דן,
שטריק צערײַסט ער, פּענטעס פּליקט,
ווי אַ לאַם אַ לייב ער שטיקט.
אים איז גוט — ער איז אַ גבר;
כּוח ווייסט ניט פֿון קיין צער.“
ס'האָט געקרייט דעם טאַטנס האָן,
ס'הייבט אַ יונגער טאָג זיך אָן.
גרייטע זײַנען מײַנע הענט,
אַלץ איז נאָר אין זיי געווענדט.
וואָס זשע קומט אַרויס פֿון דעם,
אַז מײַן האַרץ פֿאַרבלײַבט אין קלעם?
יעדע גבורה, וואָס כ'באַווײַז,
פֿיל איך, אַז זי איז אַ גרײַז.
וואָס איז גבורה און די קראַפֿט,
אויב דער שטאַרקער בלײַבט פֿאַרשקלאַפֿט?

5

לעבן צָרעָה וואַקסט אַ בוים,
העכער פֿון מײַן קאָפּ — זײַן קרוין.
און פֿאַר וואָס איז עס אַזוי?
ס'ציט אים ניט קיין פּלישתּים-פֿרוי,
ס'ציט אים צו דעם הימל, הויך —
העכער פֿונעם שײַטערס רויך
אויפֿגעהויבן איז זײַן קאָפּ.
מיך אָבער עס ציט אַראָפּ —
צו אַ פּלישתּימקע איך גיי —
מענערפֿרייד און ייִדנווײ!

6

גוטע מײַנע, דײַנע הענט —
אײנע גלעט, און אײנע ברענט.
זיסע מײַנע, דײַנע בריסט —
פֿולע לאָגלען אין דער וויסט.
צאַרטע מײַנע, דײַנע קני —
העלע היגלען אין דער פֿרי.
הייסע מײַנע, דײַנע פּים —
ווי דער יונגער באָקסער — זים.
אײביק מײַנע, דײַנע האָר —
גליק פֿון חלום אויף דער וואָר.
נאַכט אַרום, און אַלצדינג שלאָפֿט,
מײַן פֿאַרדראָס מיך מער ניט שטראָפֿט.
אָטעם דײַנער גייט אין מיר,
כּוח מײַנער וויל צו דיר.
כּוח מײַנער פֿירט אַלץ אױס;
שוואַכקייט מאַכט אים נאָך מער גרויס.
גוטע מײַנע, דײַנע הענט!
צאַרטע מײַנע, אַלצדינג ברענט.
זיסע מײַנע, דײַנע קני —
זײַ צו לויבן כ׳ווייס ניט ווי.
הייסע מײַנע — פֿײַערווײַב,
כ׳טרינק זיך, און דער ים איז לײַב!..

7

כ׳שטײַג אַלץ העכער אויפֿן באַרג.
ריזן־משׂא — אויף מײַן קאַרק.
כ׳טראָג אויף זיך — עס ליגט אויף מיר
פֿונעם שטאָט־מויער די טיר.
באַרג־אַרויף — אַרויף, אַרויף!
מיט דער משׂא כ׳הייב זיך אויף
שוין צום מיטן פֿונעם באַרג.
ס׳איז מיר אָבער אַלץ נאָך קאַרג,

כ'מוז דערטראָגן זי צום שפּיץ.
עס איז, פּלישתּים, ניט קיין וויץ...
ווי אַ וואָר'נונג איצט איך גיי,
קוקט זשע, פּלישתּים, ווינד איַיך, וויי, —
ניט נאָר איינציקע איך שלאָג,
אייַער פֿעסטונג איך צעטראָג!

8

זע, אַ באַרגטייַכעלע פּליסט,
זע נאָר, ווי דער ברעג גענִיסט
פֿון דעם קאַלטן, קלאָרן שטראָם,
פֿלאָך דאָס טייַכל און אַ תּהום
איז ביַי מיר אין מיַין געמיט.
פֿעסטע, דוכט זיך, מיַינע טריט;
דאָך עס וואַקלט זיך אין מיר:
„שמשון, שמשון, שלעכט דיַין פּיר —
צו אַ פּלישתּימקע דיך ציט —
אַ פֿאַרברעכן דיַינע טריט."
יאָ, ס'איז זים טאָקע די נאַכט:
מיט אַ פּלישתּימקע פֿאַרבראַכט,
דאָך, ווי קומט עס צו דעם טאָג,
ווען די פּלישתּים-זין איך שלאָג!!

9

שׂורק הייסט דאָס טייַכל דאָ.
ס'איז צו דיר קיין גליַיכן דאָ,
שענסטע שׂורקס טעכטערל!
הילכיק דיַין געלעכטערל;
ס'שטיפֿן דיַינע אייגעלעך,
ווי צוויי שוואַרצע פֿייגעלעך.
אין די בעקלעך — גריבעלעך,
פֿאַר מיַין קוש — צוויי שטיבעלעך.
שענער פֿון די אָרעמבענד

איז דײַן װײַסער אָרעמבלענד,
און די היפּטן טאַנציקע,
און די האָר די גלאַנציקע,
און דער נאַקן ראָזלעכער,
און די הייסע נאָזלעכער
מיטן אָטעם ברעניקן
(פֿול מיט װידערשפּעניקן) —
קטורתדיק, ניחוחדיק
מאַכן מיך אָנכּוחדיק.
דלילה, צאַרטע דלילה דו,
קענן דיר איך תּפֿילה טו!
רגעם װעלן װוילע זײַן —
כ׳װעל דײַן „קרבן־עולה" זײַן —

10

זאָגסט, איך האָב דיך אָפּגענאַרט,
בעת כ׳האָב דיך אַזוי געגאַרט.
כ׳האָב געזאָגט דיר, אַז מײַן קראַפֿט,
װען מען בינדט מיך, װערט פֿאַרשלאַפֿט?
און צום סוף איז ניט אַזוי —
װי פֿאַרברענטע פֿלעכטלעך שטרוי
זײַנען זיך צעקראַכן שטריק.
הער, מײַן אויסגעחלומט גליק,
פֿרוי פֿון אופֿירס העלפֿאַנדביין.
ניט פֿאַרשטאַנען האָסט מײַן מיין,
כ׳האָב געזאָגט, מײַן קראַפֿט פֿאַרשװינדט,
װען מע כאַפּט מיך און מע בינדט,
דאָך געמיינט כ׳האָב ניט מיט שטריק,
נאָר מיט פּענטעס פֿונעם גליק.
װען דו פֿײַערדיק מיך האַלדזסט,
מיך אין דײַנע אָרעמס האַלטסט,
װען מיך בינדן דײַנע הענט,
װערט מײַן גבורהשאַפֿט פֿאַרלענדט.

וואָס? דאָס אַלץ איז דיר נאָך קאַרג?
האָסט מיך, וואָס איך בין צו שטאַרק —
ווילסט אַ שוואַכינקן מיך זען?
מײַנע זיבן לאָקן נעם
און פֿאַרפֿרעס זיי און פֿאַרקלעם
אינעם וועבשטול, אין די קעם.

11

דלילה, שטויב אויף מײַנע פּים,
דלילה, מיט אַן עקדישבבים
אויף מײַן פּיאַטע כ׳קום צו דיר
און דעם ווייטיק איך ניט שפּיר.
אויף צוויי פֿידלען שפּילט מען ניט,
צוויי געפֿילן פֿילט מען ניט.
איין געפֿיל אַ מענטש נאָר פֿילט.
און ווען ס׳האַרץ איז אָנגעפֿילט
און פֿאַרשיכּורט פֿריידיק־זיס,
פֿילט מען ניט קיין עקדישבבים.
דלילה, זײַ אויף מיר ניט בייז,
דלילה, כ׳בעט, אויב ניט איך הייס,
דלילה זײַ צו מיר ניט שטרענג,
ווען צו דיר מײַן בענקשאַפֿט כ׳ברענג.
ברוגזסט זיך, וואָס נעכטן כ׳האָב,
לײַכט אַרויסגעשלעפּט מײַן קאָפּ
פֿונעם וועבשטול און די קעם.
כ׳האָב דײַן צאָרן באַלד געזען.
זאָגסט, איך האָב דיך אָפּגענאַרט.
דלילה, ביסט צו גוט און צאַרט,
דו זאָלסט קענען האַלטן כּעס.
דלילה, כ׳בין פֿון בעטן בלאָס;
דוכט זיך, אַז איך קני פֿאַר דיר,
דלילה, זײַ ניט שלעכט צו מיר.
כ׳האָב צעריסן הײַנט אַ לייב,

און אַ בער געטאָן אַ הייב,
אַז צערעוועט האָט ער זיך
און אַנטלאָפֿן, ווי אָן זיך.
כ׳האָב צעטראָגן היינט אַ פּלויט
און מיט קלאָץ זיינעם געטייט
איבער הונדערט פֿרעמדע לייט.
פֿרעגסט, וואָס דאָס אַזוינס באַטייט
און פֿון וואַנען זיי און ווער?
כ׳ווייס ניט. ווי דער לייב און בער
חיות זיינען זיי פֿאַר מיר.
דלילה, זיי ניט בייז אויף מיר!
נאָך אַ לאַנגן טאָג פֿון קראַפֿט
קעגן דיר איך שטיי פֿאַרשלאָפֿט
און איך מאָן פֿון דיר אַ גלעט.
דלילה, ס׳איז אַזוי שוין שפּעט —
יעדע רגע, וואָס פֿאַרגייט,
רויבט פֿון מיר אַ שטיקל פֿרייד.
דלילה, זיי ניט בייז אויף מיר;
כ׳וועל דעם סוד אַנטפּלעקן דיר.
אויב דיר דווקא גייט אין דעם,
כ׳זאָל אַ שוואַכלינג זיין, איז נעם
אַ שאַרף מעסער און גאָל אָפּ
מיר די לאָקן פֿון מיין קאָפּ.

12

ליגט מיין קאָפּ ביי דיר אין שויס,
און דאָס גליק איז אַזוי גרויס.
וואַרעם איז מיר, פֿריידיק לייכט,
און דיין האַנט אַ גוטע שלייכט
דורך די האָר מיינע און גלעט.
יעדער פֿינגער, דוכט זיך, רעדט
צערטלווערטער אָן אַ שיעור.
דלילה, ביסט שוין גוט צו מיר...

ס'איז דײַן שוים אַצינד אַ וויג.
ווי אַן עופּעלע איך ליג
און דײַן היפּט — זי וויגט און וויגט,
אַלע ווייטיקן דערשטיקט.
רײַפקייט יאָרן גייען אָפּ;
קינדיש ווערט מײַן שווערער קאָפּ,
און דאָס גליק וואַקסט ריזיק אויס,
ווען עס וויגט מיך אײַן דײַן שויס.
אויף אַן עקדיש הײַנט אַרויף
כ'בין מיט שווערקייט פון מײַן גוף,
און ווער ווייסט, וואָס ט'זײַן דער סוף?
וועט מיך אויסהיילן דער שלאָף?
האָס און ליבע... פרייד און פּײַן...
קוש מיך, דלילה, ווען כ'שלאָף אײַן!!

13

נעכטן האָב איך נאָך געזען,
נאָך געזען, נאָר ניט דערזען,
ווײַל כ'בין נעכטן בלינד געווען,
וועל איך אייביק שוין ניט זען.
נעכטן — הערשער און אַ האָר,
הײַנט — אַ שוואַכלינג און אַ נאַר.
דלילה האָט מיך אויסגעלאַכט;
ס'זעט אַ טיגער אויך בײַ נאַכט.
נעכטן האָב איך נאָך געפּילט;
האָס ט'מיט ליבע זיך געשפּילט.
בלויז אַ רגע זיך פאַרקוקט,
האָט די ליבע אים פאַרצוקט.
שטאָטס דער גבורה — שאַנד און וויי,
שטאָטס צוויי אויגן — וווּנדן צוויי,
און אַ פּליך אַנשטאָט די האָר,
און אַ נאַכט — אַנשטאָט קאַיאָר.
נעכטן — שטאַרקער נאָך פון שטאַרק,

הײַנט — אַ יאָך שוין אויפֿן קאַרק.
ווי אַ בשן־אָקס איך גיי
און אַ חרפּה־ראָד איך דריי.

14

כ׳קרײַז אַלץ אויס די זעלבע טריט
אַרום ראָד, וואָס אין דער מיט.
פֿאַר די פּלישתּים מאָל איך מעל;
צווישן מילשטיינער מײַן זעל.
כ׳בין אַ לייב, וואָס ט׳זיך פֿאַרדרייט
אין דער פֿאַלשער ליבעפֿרייד,
זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ,
און סע זעט זיך ניט דער קץ.
ס׳האָט קיין סוף מײַן רונדער וועג;
ווי די נעכט אויך שוואַרץ די טעג,
ווײַל געהערט כ׳האָב: „ביסט מיר ליב״,
הער איך איצט דעם שווערן סקריפּ
פֿון דער אָקס, וואָס אין דער מיט
פֿונעם קרײַז פֿון מײַנע טריט.

15

דריי זיך, דריי זיך, לאַנגער שטאַנג.
פֿרײַנד מיר בלײַבן שוין אויף לאַנג,
פֿון מײַן כּוח דו געניסט,
דאָך מײַן וועגפֿירער דו ביסט.
נאָר זיך האַלטנדיק אָן דיר,
וווּאַהין צו גיין איך שפּיר.
כ׳גיי פֿאָרויס. דאָך דער פֿאָרויס
מיט אַן אָפּנייג לאָזט זיך אויס:
צו אַ מיטן, וואָס ער ציט
צו זיך אַלע מײַנע טריט.
דוכט זיך, פּונקט אַזוי געווען
איז עס איידער ס׳איז געשען.

דלילָהס פֿאַלשע האַנט — איר שטאַנג,
און מײַן שטאָלצער גבֿורה־גאַנג
אַרום איר פֿאַרדרייט האָט זיך,
ביז געפֿאַנגען האָט זי מיך.
דריי זיך, דריי זיך, לאַנגער שטאַנג,
מאַך מיך שוואַך און מאַך מיך קראַנק.
כ׳בין אויך איצטער נאָך צו שטאַרק,
אויב ס׳קען אויסהאַלטן מײַן קאַרק
אָט דעם יאָך פֿון אַזאַ גאַנג;
לעבעדיקער, לאַנגער שטאַנג!..

16

ווי איך זיך אָן איר דערמאָן,
צינדט אין מיר דאָס בלוט זיך אָן.
דלילה, דלילה, קום צו מיר;
אָ, ווי איך איצט בענק נאָך דיר!..
ווען דו קומסט עס איצט צו גיין
מיט דײַן רייצנדיקן חן,
וואָלט איך צופֿאַלן צו דיר,
אַז עס וואָלט פֿון מײַן באַריר
דײַן פֿאַרפֿירערישער קאָפּ,
ווי אַ ווײַנטרײַבל אַראָפּ.
כ׳וואָלט געגלעט אַזוי דײַן היפּט,
אַז ס׳וואָלט בלוט פֿון איר געטריפּט.
דיך געצערטלט כ׳וואָלט אַזוי,
אַז ווי אײַנגעדאַרטער שטרוי
פּלאַצן וואָלטן הענט און פֿיס...
כ׳וואָלט געקושט דיך אַזוי זיס,
אַז די פֿולע דײַנע בריסט
וואָלטן ווערן דאַר און וויסט.
דאַן דיך וואַרפֿן פֿאַר די הינט,
ווי אַ פּלישתּימקע פֿאַרדינט...
איך געוועזן בין פֿעלדזיק שטאַרק,

נאָר אויף רישעות תּמיד קאַרג.
כ׳האָב געוווּסט, אַז בײַ אַ מאַן
גוטע גבֿורה איז פֿאַראַן.
ווילדע חיות זײַנען בייז!
איצטער עפּעס אַנדערש כ׳ווייס:
צו אַ חיה מוז מען גיין —
ווילד און היהש אויך אַליין;
טייטנדיק זי, גרויזאַם זײַן,
פֿרייד געניסן פֿון איר פּײַן.
ניט פֿאַרשטאַנען כ׳האָב עס דאַן.
איך — דער גבֿר, דער שטאַרקער מאַן,
האָב דער גוטסקייט זיך פֿאַרטרויט
און די פּלישתּים נאָר געטייט.
תּמימות האָט מיך אויסגעלאַכט
און לסוף צו דעם דערבראַכט,
אַז אַליין גאָר ניט געשפּירט,
האָב אַ ליבע איך פֿאַרפֿירט
מיט אַ פּלישתּימישער צויג...
וויין, מײַן אויסגעשטאָכן אויג!..

17

פֿונעם טעמפּן שאָרך פֿון טריט
שרײַט אַרויס מײַן שווער געמיט,
אין דער פֿינצטער, אין דער בלינד
שלעפּט זיך נאָך מיר מײַן זינד,
ווען איך רייד אַרײַן אין שטאַנג
מײַן צעווייטיקטן געדאַנק.
פֿאַר די פּלישתּים פֿאַלט דאָרט מעל.
זיי איז גוט, און זיי איז העל,
און פֿאַר וואָס איז אַלץ געשען?
ווײַל ערשט בלינדערהייט דערזען
האָב איך וואָס כ׳האָב זען געדאַרפֿט
ווען מײַן אויג געווען איז שאַרף

און פֿאַרנומען האָט די פּראַכט
פֿונעם טאָג, וואָס קומט נאָך נאַכט.
ניט אין חלום ליגט די וואָר —
וואָר איז דײַטלעך, קלוג און קלאָר.
און די וואָר זאָגט, אַז געפֿיל
טאָר ניט לאָזן זיך אין שפּיל
מיט אַזוינס, וואָס קענגן איר.
וואָר איז אַלץ; ס׳געהערן איר
אויך דער חלום און דער טרוים.
פּונקט, ווי צו דעם שטאַם פֿון בוים
עס געהערט דער שיינער צווײַט,
וואָס ער בליט, אָבער פֿאַרבליט.
איך, דער גיבור און דער העלד,
האָב די אויגן זיך פֿאַרשטעלט
פֿון דער וואָר און בין אַוועק
אויף אַ גליטשיק־פֿאַלשן וועג.
ווער ס׳דערלאָזט, אַז אויף זײַן גוף
זאָל אַ פֿרעמדע האַנט אַרוף,
יענער איז אַראָפּ פֿון שליאַך
און ער בלײַבט שוין אייביק שוואַך.

18

גאָט אין הימל, ווייניק נאָך,
וואָס איך טראָג אַ פֿרעמדן יאָך?..
כ׳מוז נאָך, ווינד איז מיר און ווייִ,
נאַריש מאַכן זיך פֿאַר זיי?
אַלע סרָנים [1] וועלן זײַן,
חוצפּהדיק וועט שפּרודלען ווײַן
פֿאַר די טעמפּע פּלישתּים־זין.
איך וועל אַנקומען אַהין,
ווי אַן אויסגעלאַכטער נאַר,

1 פּלישתּימישע פֿירשטן.

פֿריילעך מאַכן מיט מײַן צער.
כ׳גיי אַהין לויט שׂונאס רוף,
און מײַן שווערער בלינדער גוף
ט׳מאַכן קונצן, זײַן אַ לץ
פֿאַר אַ גולמדיקן געץ.
רױשיק וועט די חגא זײַן —
מילגרוימען און רויטער ווײַן
ניט אַראָפּ וועלן פֿון טיש
פֿאַרן פֿאַלשן גאָט פֿון פֿיש.
„ד ג ו ן" הייסט דער פּלישתּים-געץ,
וואָס ער שענקט די פֿיש דאָס פֿעטס.
„שמשון" — הייסט דער גרויסער נאַר,
וואָס וועט שענקען פֿרייד זײַן האָר...
ניין, אַזוינס וועט ניט געשען!
שמשון איז ניט בלויז ג ע ו ו ע ן.
שמשון וועט נאָך שמשון זײַן;
גבֿורה ווערן וועט פֿון פּײַן!
שמשון טאַנצט ניט, ווי אַ באָק,
פֿאַר די שׂונאים ביז פֿאַר טאָג!..
שמשון, כאָטש ער איז פֿאַרשלאָפֿט,
האַלט ער נאָך זײַן לעצטע קראַפֿט!

19

יִנגל, קריגסט בײַ מיר אַ פֿײַל,
מאַך מיך אָנטאַפּן דעם זײַל!
קריגסט אַ בויגן און אַ פֿײַל;
ווײַז מײַן האַנט דעם צווייטן זײַל.
אָט אַזוי... אַצינד איך שטיי
צווישן שווערע זײַלן צוויי,
וואָס אויף זיי עס ליגט דער דאַך,
און איך הער די טומאה-שפּראַך
פֿונעם שיכּורן געפֿריי
דורך צעהוליעטן געשריי.

דוכט, איך הער דאָרט אויך איר שטים,
לאַכט אַזוי צעפּעסטעט דין,
און מײַן נאָמען זי דערמאָנט.
יאָ, ס׳איז דלילה — כ׳האָב דערקאָנט.
לאַך דאָרט, לאַך דאָרט, זונה דו,
ווערסט ניט רויבן איצט מײַן רו.
נאָך אַ רגע, נאָך אַ ווײַל —
ס׳האַלט מײַן יעדע האַנט אַ זײַל!
שטיל געלעבט האָט אונדזער שטאַם
פֿונעם מידבר ביז צום ים.
צו דער אָרנטלעכער מי
פֿלעגט מען אויפֿשטיין אין דער פֿרי,
און געזונגען און געלאַכט
אין די ווײַנגערטנער בײַ נאַכט.
אונדזער מי געווען איז פֿרייד,
אונדזער גליק האָט אונדז געקליידט!
האָט איר אונדזער פֿרייד באַטריבט,
האָט איר אונדזער גליק געררויבט,
האָט איר אונדזער מי פֿאַרשוועכט,
האָט איר אונדז געמאַכט פֿאַר קנעכט.
אָ, ווי ס׳ברענט צו אײַך מײַן האַס!
הער עס, עַזָה, וויים עס, גַת,
ווײַל מײַן שׂינאה אייביק איז,
בין איך שוואַכערהייט אַ ריז;
ווען דער האַס צום פֿײַנד איז גרויס,
לייזט פֿון אַלע זינד ער אויס!
לאַך דאָרט, לאַך דאָרט, זונה, לאַך!
שמשון, מיינסטו, איז איצט שוואַך?
ניין, ער איז אין גבֿורה רײַך...

שטאַרב, מײַן זעל, מיט זיי צו גלײַך!
פֿאַלט אײַן, זײַלן מיטן דאַך!..
פּלישתּים, איצטער איך שוין לאַך!

יום-טוב איז אין מײַן געמיט,
ווײַל מײַן טויט מיט זיך ציט מיט
טויזנטער פֿאַרהאַסטע פֿײַנד.
שטאַרק און גליקלעך בין איך הײַנט!..

מאָסקווע, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1944

יפתח

ס׳ברעכט אָן אויף טאָג.
ס׳פֿאַרשמעקט מיט בראשית און באַנײַונג,
עס גאָרגלען פֿרייד די אויפֿגעוועקטע פֿייגל,
נאָר אין מײַן האַרץ אַ דאָרן שטעקט,
און אין מײַן מאַרך — אַ קנויל פֿון שחיטה-בילדער...
דער טאָג פֿון אומגליק שפּאַנט
מיט שטיינערנעם רוצח-טראָט,
און ס׳ווערט מיר פֿינצטערער און פֿינצטערער,
וואָס מער ס׳ווערט ליכטיק!

שוין זעכציק נעכט...
שוין צוויי לבֿנות צײַט, ווי כ׳האָב ניט צוגעטאָן קיין אויג.
עס האָבן זעכציק שוואַרצע אייביקייטן דורך מײַן מאַרך געפּויזעט,
און אַלע טראַכטעניש האָבן זיך פֿאַרענדיקט
מיט אַ פֿאַרייִאושט ברעכן זיך די פֿינגער אויף מײַן בראָך...

גאָטס אַ בעל-חוב,
האָב ניט געקענט איך ווענדן זיך צו אים.
האָב איך געזיפֿצט צום סתּם,
בײַ ווינט און נאַכט געבעטן גנאָד,
צו יעדער שטראַל און שטערנדל איך האָב געטענהט.
נאָר איטלעכער פֿון זיי האָט מיר צוריקגעוווּנקען,
ווי ער מיר אויפֿגעוואָרפֿן וואָלט: „דו ווייסט גאַנץ גוט,
אַז דו אַליין דאָס אומגליק האָסט באַשטעלט.
מיט אַזאַ גרינג געמיט האָסט צוגעזאָגט אַזוינס,
אויף וואָס אויך גאָט אַליין, מיר דוכט, פֿאַרטראַכט זיך..."

די לעצטע נאַכט!
אָט קומט שוין אָן דער טאָג,
ווען זי צוריקקערן וועט פֿון די בערג,
אָן אָפּגעזעגנטע פֿון אירע יונגע יאָרן.

ווי וועל איך אויסהאַלטן איר אײַנגעהאַלטן וויינגעמיט,
די טומלדיקע פּרייד פֿון אירע חבֿרטעס,
וואָס פֿלײַסן זיך מיט שטראָמען ליד און טאַנץ
איר ליידן־פֿלאַקער לעשן?

שוין זעכציק טעג איך גרייט זיך צו איר טויט,
שוין זעכציק נעכט איך זיין אָן שלאָף
און מיט אַן אומבאַהאַלפֿענעם געדאַנק
איך זוך אַ מיטל, ווי זי ראַטעווען צו קענען.
נאָר ס'איז אומזיסט!.. מײַן וואָרט, וואָס איז געפֿאַלן
אין אַ שעה, ווען ס'דולט די גאווה,
איז נוקם זיך מיט ציין און נעגל פֿון אַ חיה־רעה,
מײַן נדר, וואָס איז, פּונקט ווי איך,
אַ פֿרוכט פֿון לײַכטזיניקער פּירונג,
קומט אײַנמאָנען ס'גזלנישע געצאָלט.

באַלד וועט זי אָנקומען,
אין דער אַרומרינגלונג פֿון אירע פֿרײַנדינס.
ווי שטויב באַגלייט אַ קאַראַוואַן,
באַגלייטן וועט זיי יוגנטלעך געהילך.
איז וואָס פֿון דעם,
וואָס ס'מיִען זיך די חבֿרטעס זי טרייסטן,
באַרוישן זי מיט שפּיל, געזאַנג און יונגפֿרויטענץ?
אַז זי גאָר מיך זעט, מיך — איר טאַטן דעם רוצח, —
ווי ער, אין זײַן פֿאַררוסנקייט און גאַרונג גרויס צו ווערן,
באַשטעלט פֿאַר איר, זײַן איינציקער, אַ פֿריצײַטיקן טויט.

אָ, טײַער גילעד־לאַנד, פֿול גרינע פּאַשע־היגלען,
באַשפּרענקלטע מיט סטאַדעס פֿעטע קי און ציגן,
כ'האָב אויסגעוואַנדערט אַלע דײַנע סטעזשקעס,
געבאָדן זיך אין ירמוך און אין יבוק,
געפּוסטעפּאַסעוועט, געראַבעוועט, געהוליעט,
און אינעם טומל רוישיקסטן זיך שלווהדיק געפֿילט.

נאָר ווען עס האָבן מײַנע גאַוןהדיקע ברידער
די שטאָלצע קעפּ הכנעהדיק פֿאַר מיר געבויגן,
געבעטן זיך, איך זאָל זיי ראַטעווען פֿון עמון,
און איך געוואָרן בין דער פֿירער, זיגער, שופֿט,
איז אַנשטאָט רו געקומען זינען־שפּאַלטנדיקער רום...

ווי ליכטיק זעען אויס אַצינד מיר יענע יאָרן,
ווען איך אַן זאָרג האָב אומגעשלעפּט זיך אויף די וועגן
און מיט אַ באַנדע דרייסטע הייסבלוטיקע לומפּן
געניצט דאָס מעסער נאָר אויף אײַנשרעקן און נעמען רויב.
צי איז דען מעגלעך, אַז מײַן יוגנטפֿרײַנד — דאָס מעסער,
וואָס איז אַ מאָל געווען דער אַנשפּאַר פֿאַר מײַן לעבן,
זאָל איצט פֿאַרשנײַדן דעם מיך גליקלעך־מאַכנדיקן אָטעם,
אַן ווען כ׳וועט מײַן לעבן זײַן אַ טויטס?..

איך האָב געזיגט. עס בענטשן זיך מיט מיר
די שווערלײַביקע גילעד־זין באַפֿרײַטע.
עס הילכט נאָך אין דער לופֿט
דאָס ברויזיקע „יחי״־געשריי,
פֿון די, וואָס האָבן מיך באַגעגנט.
נאָר זייער אומגעצוימטע שאַלנדיקע שׂימחה,
וואָס האָט פֿאַרמאָגט די רוישיקייט פֿון אַן עליית־רגל,
געוואָרן איז צעריסן פֿונעם קלאַנג פֿון צימבל־פּײַקל,
וואָס אין דער האַנט פֿון מײַן פֿאַרגעטערטער,
דאָך מיטן אומזיניקסטן טויט פֿאַרקנסטער בת־יחידה...

כ׳טראַכט איבער נאָך אַ מאָל
און ווידער פֿון דאָס נײַ כ׳טראַכט איבער,
איך מיש און מיש מײַן אויך אַזוי זיך מישנדיקן זינען,
אָט — איך צעברעך אין מײַן געדאַנק דעם חלף
און אָט — איך, קרעכצנדיק אים ווידער שלײַף...
ניין־ניין, ניטאָ און ס׳קען ניט זײַן קיין אויסוועג
פֿאַר יענעם, וואָס זײַן וואָרט

שטופּט אים אין האַנט אַרײַן אַ מעסער.
עס מוזן אונטערגעבן זיך געפֿיל און ווילן,
עס מוז דער קרבן לייגן זיך אויפֿן מזבח,
און בלינדער צוזאָגער מוז זײַן אַ בלינדער פֿאָלגער פֿון זײַן וואָרט...

כ'האָב אין מײַן לעבן שוין געהאַט אי ביטערגראָז, אי לאַקרעץ!
כ'האָב אויסגעהאַלטן גרינגשעצונג, פֿאַראַכטונג, שׂינאה,
כ'האָב צוגעזען, ווי מײַנע פֿריִערדיקע פֿײַנד
געפּלעפֿט זײַנען פֿון מײַן נצחון,
און נאָך מײַן אימפּעטיק דערגרייכן העכסטע הייכן
כ'האָב פּלוצעם זיך דערזען, איך בין אין תהום.
איך האָב אַ האַרץ, וואָס איז שוין זעכציק טעג קיין האַרץ ניט,
איך האָב אַ זיג, וואָס איז אַ זיג איבער מײַן גליק,
איך האָב געדאַנקען, ווי די עקדישן פֿול גיפֿט,
און, ווי די עקדישן, זיי זיך אַליין דערשטעכן...

עס ענדיקט זיך דער זעכציקסטער מעת-לעת.
נאָך הײַנט באַווײַזן וועט דאָס מזל מיר זײַן רוקן.
אָ, העלף מיר, גאָט, אין אָט דער שעה פֿון שווערסטע ליידן!
איך בעט דיך: העלף,
נאָר כ'ווייס אַליין ניט וואָס איך בעט דיך —
צי וויל איך, זאָלסט מיר העלפֿן קוילענען מײַן קינד,
צי כ'וויל, זאָלסט העלפֿן מיר פֿאַרראַטן דיך —
מײַן וואָרט ניט האַלטן...

כ'האָב אַ געפֿיל,
אַז ווי נאָר ס'וועט אַ פֿלייץ טאָן
אויפֿן חלפֿס קלינג איר בלוט,
וועט ווערן אָפּגעהאַקט די צײַט,
פֿאַרגליווערט ווערן וועט די וועלט,
און איך וועל בלײַבן גלאָצן
ווי אַרײַנגעפֿרוירן אין אַ רויטער בענקשאַפֿט.
ניט זײַן עס וועט קיין יפֿתּח מער,

ס׳וועט זײַן אַן אומגליקלעכער גרויער שטיין,
וואָס, ווי לוטס ווײַב,
וועט שטיין נאָר אויף צו וואָרענען און שרעקן...

עס האָט מיך אָפּגענאַרט די שײַן פֿון מײַן נצחון —
אַ בליץ, אַ בליץ געטאָן און מיך געלאָזן אין דער פֿינצטער.
ניטאָ קיין זיג מער, ס׳איז פֿאַראַן נאָר ווייטיק.
ניטאָ קיין אויסוועג מער,
פֿאַראַן נאָר וואַקלעניש, פֿאַרזינדיקטקייט און בראָך...

באַלד וועט ז י אַנקומען אַוועקשטעלן איר לעבן קעגן מײַן געוויסן,
און איך דערלאָזן וועל, עס זאָל מײַן צופֿעליק געגעבן וואָרט
פֿאַרגוואַלדיקן מײַן אָפּגענאַרטן ווילן.
איך — דער בן־זונה און דער פֿירער פֿון אַ באַנדע —
פֿאַרגלוסט האָב זיך אַ רעטער און געוועלטיקער צו ווערן,
און ווי דער גרויסער אורפֿאָטער אברהם,
מײַן קינד דאָס איינציקע אַ גאָב פֿאַר גאָט איך ברענג.
נאָר ווי דעם נישטיקן, וואָס טראַכט, ער איז אַ גדול!
עס וועט ניט איבערחזרן זיך מער דער נס פֿון דער עקדה.
ניט קומען וועט אַ מלאך אָפּשטויסן מײַן חלף,
ניט אונטעררוקן אַ באַראַן אַנשטאָט מײַן בת־יחידה.
ווי פֿאַלט עס מיר גאָר אײַן צו טראַכטן וועגן זיך
ווי וועגן אונדזער שטאַמפֿאָטער, דעם צדיק?
ווי קאָן גאָר זײַן אַ רייד וועגן פֿאַרגלײַכן אונדזערע עקדות?
אַז אים, דעם גלייביקן, האָט גאָט געשטעלט פֿאַר אַ נסיון,
און איך, דער זינדיקער, געמאַכט האָב אַ ארויסרוף גאָט...

ווילנע, דעצעמבער 1969

ע ל י

זונפֿאַרגאַנג אין שילה.
עלי זיצט בײַם טויער,
ניט ער זעט די שקיעה,
ניט ער הערט די פֿייגל.

פֿערציק יאָר אַ כּוהן,
פֿערציק יאָר אַ שופֿט,
און ער זיצט בײַם טויער —
עלי און אוים עלי...

ערגעץ לעבן אַפֿק,
אינעם לאַנד אַפֿרים,
פֿלאַקערט אַ מלחמה
מיט די הינט — די פּלישתּים.

און די זין פֿון שילה,
מִצפּה, גֶבַע, רָמָה
שנײַדן מיט די שווערדן,
פֿאַלן אויף די שפּיזן.

ניט נאָר שילהס מענער
שלאָגן זיך אין אַפֿק.
מיט די זין פֿון שילה
קעמפֿט דאָרט אויך גאָטס אָרון.

זיצט דער אַלטער עלי
בײַם געצעלט פֿון שַדַי.[1]
אַ, דער אוהל־מועד,[2]
ווי זײַן האַרץ איז ליידיק!

ניט געדאַרפֿט עס וואַגן,
ניט געטאָרט דערלאָזן,
מע זאָל אויפֿן שלאַכטפֿעלד
מיטנעמען גאָטס אָרון.

וויינען אַלע גלידער
אינעם לײַב פֿון זקן,
און די בלינדע אויגן
זײַנען זיי מקנא...

אַכט און נײַנציק יאָרן
אָפּגעלעבט האָט עלי.
פֿערציק יאָר געדוכנט,
פֿערציק יאָר געמישפּט.

איצט ער זיצט אַ זקן
בײַ אַ פּוסטן מיקדש;
גאָט איז אויפֿן שלאַכטפֿעלד,
שכינה אין געפֿאַר איז.

טרערט דאָס האַרץ בײַ עלין,
בריִען די געדאַנקען,
אומזעיִקע אויגן —
פֿול מיט שווערע בילדער:

פֿערציק יאָר געמישפּט,
פֿערציק יאָר געדוכנט,
פֿערציק יאָר געבאָוועט
יורשים פֿאַר זײַן כּהונה.

אַלט איז ער געוואָרן,
היטנדיק גאָטס אָרון.
פֿאַרכטיק און מיט ליבשאַפֿט
איז געווען זײַן דינען.

באַלד וועט ער שוין מוזן
גאָטס געצעלט פֿאַרלאָזן,
און די יורשים זײַנע —
ווי צו זײַנע יאָרן!

ס'איז געווען אַ פּינחס,[3]
וואָס געטייט האָט זמרין,[3]
זײַן זון — פּינחס הייסט ער,
און אַ זמרי איז ער...

און זײַן ערשטלינג — חָפֿני,
וואָס באַטײַט אַ הויפֿן,
ברענגט אים, אַנשטאָט נחת,
פֿולע הויפֿנס ווייטיק...

פֿערציק יאָר אַ כּוהן,
פֿערציק יאָר אַ שופֿט,
פֿערציק יאָר דער ערשטער
אינעם הויז ישׂראל,

און ער ט'אויפֿגעכאַוועט,
ווי צום טאַטן, בנים —
אויסוואָרפֿן, וואָס שענדן
אַלע צען געבאָטן.

פֿינצטערע הולטײַעס
ווילדעווען אין מיקדש
אין אַ כּיור טומאה
זינקען חפֿני, פּינחס.

טעגלעך ער דערוויסט זיך
נײַע זינד־המצאות
פֿון די זינדלעך זײַנע
לעבן גאָטס מזבח.

פֿערציק יאָר אַ שופֿט,
פֿערציק יאָר אַ כּוהן,
פֿערציק יאָר געהייליקט
שילהס גרויסן נאָמען,

און נאָך בײַ זײַן לעבן
ווערט עס אַלץ פֿאַרברודיקט,
און די שענדערס זײַנען,
ווי אים, זײַנע בנים.

דער מנוּוול חפֿני
און דער מופֿקר פּינחס
טרייפֿסטע זינד באַגייען
אונטערן נר־תּמיד...

ניט נאָר שֵכָר[4] טרינקט מען,
יין־נסך[5] זויפֿט מען,
מיט די פֿיס מע טראַמפּלט
אויף די ווײַרעכפֿאַנען...

קומט אַ מענטש צום אוהל
מקריב זײַן זײַן קרבן,
פֿאַלן צו די בנים,
ווי נבֿלה-שינדערס.

מיט פֿאַרזויפֿטע בליקן,
מאַרקיונגישע תּנועות
שטורכען זיי און מאָנען
אויסגעטראַכטן מעשׂר.[6]

ווי חזירים-הענדלערס
שלעפּן זיי דעם קרבן,
דרייען אים די הערנער,
בריקען און כיכיקען...

און ווען ס'קאָכט דער קעסל
מיטן פֿלייש פֿון ווידער,
איז שוין גאָר אַ לעבן
פֿאַר די וויסטע אומלײַט:

מיט אַ ריזן-גאָפּל
לויפֿט צום טאָפּ צו חפֿני,
פּינחס הייבט אים אונטער,
פֿײַפֿנדיק אַ ווײַנליד,

און מען האַקט אַרײַנעט
אינעם פֿלייש דעם גאָפּל.
כאַמע ברוסט און פֿלאַנקען
כאַפּן זיי און פֿרעסן,

און זיי וויצלען זיך נאָך:
„גאַנצאָפּפער"[7] מע רופֿט עס,
ווײַל ס'געהער אין גאַנצן
צו אונדזערע מאָגנס"...

ווײַ צום מיקדש-שילה,
וואָס אין אים פֿאַרלויפֿט זיך:
אָנגעשטאָפּט די בײַכער
מיט דער שכינהס חלק,

זשליאָקעט מען פֿון פֿאַנען
ווײַנען פֿון קפּריסין,
און מען לויפֿט צום טויער
צו די שלאַנקע מוידן,

צו די ריינע בתולות --
אומבאַרירטע טעכטער,
וואָס דעם צוגאַנג היטן
צו דעם אוהל-מועד.

ווײַ צום מישכּן-שילה:
ביידע עלים בנים
ליגן מיט די קדושות,
מאַכן פֿון זיי קדשות...[8]

גרויסער גאָט פֿון סיני,
ווּ איז דאָ דער אומגליק?
מוז דען אַ משפּחה
דווקא קאַליע ווערן?

איז עס דען אַ חיובֿ,
אַז אַ שטאָם געזונטער
מיט דער צײַט זאָל ווערן
ביזן ביין פֿאַראייטערט?

אָדער איז עס עלים —
טאַקע עלים בלוטשולד?
נישטיק זײַנען גדולים,
וואָס געבוירן נישטן.

ס'ענטפֿערן פֿיר דורות
פֿאַר די זינד פֿון טאַטעס.
אָבער אויך די טאַטעס
ענטפֿערן פֿאַר קינדער.

ווי קען עס געמאָלט זײַן,
פֿון אהרונס זוימען
און פֿון עלים לענדן
טמאים זאָלן אויפֿגיין?

ווי האָט עס געטראָפֿן,
אַז אין סאַמע שילה,
אונטערן פּרוכת
זאָל נבֿלה הויזן?

עלי, בלינדער עלי —
הײַנטיקער אהרון,
ווערעמדיק געוואָרן
איז דײַן שטאָם דער ריינער.

שדים העכסטער דינער,
שילהם שענסטער צעדער
לאָזט נאָך זיך אַ נאָכוווקס —
גיפֿטיקע צוויי פֿלאַנצן!

אומגליקלעכער עלי, —
כּוהן, שופֿט, טאַטע,
אויסגעשפּילטער פֿידל
און פֿאַרהילכטער ניגון,

ס'לאַנגע אויבנאָן־זײַן
קראַנק געמאַכט דײַן הויז האָט.
מוז צעשמעטערט ווערן
שטאָם וואָס איז פֿאַרקריפּלט!...

*

פֿונעם רויטן שלאַכטפֿעלד
לויפֿט אַ בשורה־ברענגער
און זײַן שוויים שוין טראָפּנט
אויפֿן זאַמד פֿון שילה.

„דו, מײַן האַר, ביסט עלי?
כ'קום צו דיר פֿון אַפֿק.
ס'איז מײַן צונג באַלאַסטיקט
מיט דער ערגסטער בשורה:

גרויס איז די מפּלה —
דרײַסיק טויזנט טויטע!
און אויך חפֿני, פּינחס
ליגן אָן אָטעם.

און גאָטס אָרון, עלי, זונפֿאַרגאַנג אין שילה.
האָט דער פֿײַנד געפֿאַנגען... עלי ליגט בײַם טויער —
עלי! דאָס געניק צעבראָכן...
עלי!
עלי! !..״ זונפֿאַרגאַנג אין שילה.
— — — — — — — — — הויזפֿאַרגאַנג פֿון עלי!

ווילנע, מאַרץ 1967

אַנמערקונגען:

1 שדי — אײנער פון גאָטס נעמען.
2 אוהל־מועד — מישכּן — צײַטווײַליקער מיקדש אין,אַ ספּעציעלן גרויסן געצעלט.
3 פּינחס, זימרי — אין מידבר האָט פּינחס מיט אַ שפּיז דערשטאָכן זימרין בשעת יענער האָט געזינדיקט מיט אַ טאָכטער פון די פֿײַנדלעכע מדינים.
4 שכר — אַ יוירנדיק באַרוישנדיק געטראַנק פון תּבֿואה אָדער פּירות.
5 יין־נסך — ווײַן פון געצנדינער און ווײַן, וואָס מען ברענגט אַ קרבן פאַר געצן.
6 מעשׂר — אַ צענטחלק, וואָס מען פלעגט געבן דעם שבט לוי.
7 גאַנצאָפּער (קרבן־עולה) — אַ קרבן, וואָס האָט געדאַרפט פאַרברענט ווערן אויפן מזבח אינגאַנצן. דער כּהן האָט געמעגט צונעמען נאָר די פעל.
8 קדשות — פרויען, וואָס זײַנען געווען באַשטימט פאַר אָרגיעס אין קולט פון בעל און עשתּורת.

ש אָ ו ל

אַ ר ײַ נ פ י ר

נאָך טעג פון גרויסקייט, מלכות און פון פרייד
עס קומט אַ צײַט ווען, ווי אַ שייד,

עס טוען זיך אַראָפּ פון דיר צופרידנקייט און גליק,
און ס׳נעמט הצלחה גליטשן זיך צוריק,

און שלעפּט אַראָפּ מיט זיך אין תהום
ניט בלויז דײַן נאָמען און דײַן טראָן,

נאָר אויך דײַן גאַנצקייט, קלאָרן זינען, רו,
און דו אַליין ווערסט דעמאָלט: דו, ניט־דו...

עס היילן ניט חרטה און דער צער,
ווען ס׳ווערט דײַן אומגליק איבער דיר דער האַר.

האָסטו דעם כּלל פון אונדזער ערד פאַרשעמט,
איז דיר די רו אויף אייביק פרעמד.

שאָול:

איך בין נאָך הויך.
נאָך העכער אַלץ פון גאַנצן פאָלק עס זענען מײַנע אַקסלען,
און ס׳איז מײַן אָנטועכץ נאָך אַלץ דאָס רײַכסטע אינעם לאַנד.
דאָך אַזוי הויך כ׳בין אין מײַן יוגנט אויסגעוואַקסן,
און איצט וואַקסט נאָר דער ריס אין מײַן פאַרשטאַנד...

די אייזעלעך האָט מען פון לאַנג, פון לאַנג שוין אָפּגעפונען.
געפונען זיי מען האָט אָבער אָן מיר.
פון מײַנע הענט איז גיך דאָס גליק אַרויסגערונען,
און איצטער נאָר זײַן ווידער־טעם איך שפּיר.

איך זיץ. מײַן שפּיז אין האַנט אַ גרייטע איז צו שטעכן,
נאָר ווען איך וואַרף זי, טרעפט זי, ניט ווו מען באַדאַרף.
און כ׳ווייס רק ניט, צי דודס האַרף געקומען איז מײַן שפּיז
פאַרשוועכן,
צי גאָר מײַן שפּיז פאַרשוועכט די קלאַנגען פון זײַן האַרף?

איך פיל, ווי טונקעלער און טונקעלער עס ווערט מײַן נאָמען
און ווי מײַן קיניגרײַך פאַרלירט פון טאָג צו טאָג זײַן רום.
איך שטאַם טאַקע פון קלענסטן שבט — פון בנימין,
דערפאַר אָבער דאָך אויך — פון יעקבס ליבסטן זון...

איך זיץ. מײַן שפּיז אין האַנט אַ גרייטע איז צו שטעכן.
עס איז ראש־חודש הײַנט, נאָר פינצטער איז מײַן יום־טובדיקער טיש.
מיט וואָס, איך פרעג דיך, גאָט, איז בעסער ישַי פון בית־לחם?
מיט וואָס איז גרעסער ער פון טאַטן מײַנעם — קיש?

אומשאָול:

מיט וואָס? מיט גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט!
ניט גרעסער! קלענער איז ער נאָך.
און אויב אַ צווייפל איצט מײַן אומרויִקע וואָר מישט,
קומט ישים זון געדײַען אויף מײַן בראָך.

מיך פאַר אַ מלך האָט געזאַלבט דער זעער;
אַזאַ באַשיידענעם גענומען מיך פון הינטער שאָף און רינד,

און איצטער ישים זון, איך זע: ער
קומט ניט, ווי איך אַ מאָל, אַ שטיל באַשיידן קינד.

ער קומט, דאָס יִינגל מיט די רויטע בעקלעך,
מיט חוצפּה פון אַן אַלטן מאַן...
אין וואָרפן זשווירשטיינדלעך פון שלײַדער־שטעקלעך
איז איידלמוט נאָך ניט פאַראַן!

דערשטעכן אים — דאָס נעבעכדיקע הינטל פון יהודה,
וואָס בײַסט שוין פאַר עס האָט נאָך ציין!
און זאָלן אַלע טאַקע ווײסן, ווו דאָ
עס איז דער מלך, הינטער וועלכן מען מוז גיין!...

שאָול:

איך האָב די שפּיז מיט שאַרפסטן האָס אין אים געשלײַדערט,
האָט זי פאַרקערעוועט זיך אָן אַ זײַט און האָט פאַרפעלט.
מײַן פײַנד אַנטלאָפן איז — פון דער באַצאָלונג זיך דערווײַטערט,
און ס'וועלן פון אים דורות פון געזאַלבטע קומען אויף דער וועלט.

מײַן אָרעם האָט געגרײַזט. די שפּיז האָט ניט אין ציל געטראָפן.
נאָר ניט אין האַנט און ניט אין שפּיז כ'געפין די שולד.
די שולד זי שטעקט אין דער פאַרוועלקטקייט פון מײַן האָפן,
אין דער צעריסנקייט פון מײַן געפּײַניקטער געדולד.

איך פיל צו גוט דעם גורל־קלאַפּ, וואָס איז באַשערט מיר,
איך זע צו קלאָר די שוואַרצקייט פונעם קומענדיקן טאָג.
איך ווייס דאָס אָרט, וואָס אין מײַן פאָלק געהערט מיר,
די שאַנד, דורך וועלכער איך מײַן אומגליקלעכע שינאה טראָג.

ווען כ׳זיץ מיט זיך — מיט זיך אַליין און כ׳טראַכט וועגן מײַן גורל,
אין שעהען, ווען איך בין פון קינאה־ווייטיקן באַפרײַט,
כ׳ווייס דעמאָלט קלאָר, אַז ניט פאַר דעם בין איך געבוירן,
פאַר וואָס מען זאָלבט אין אונדזער צײַט.

ניט בלויז אַ מלך, נאָר אַפילו אויך דער נביא,
וואָס פון זײַן ליפּ עס קוואַלט דאָס הייליקע גאָטס וואָרט,
בשעת ער גייט בראש פון פאָלק, איז ער אַכזריותדיק, און — אָ, ווי
ער מיט זײַן האַנט דער הייליקער קען טייטן אויף אַן אָרט!

אַזוי געטאָן האָט שמואל מיט אַגָגן,
ווען ער צעשפּאָלטן האָט אים, ווי אַ שײַטל האָלץ.
און ווער וועט דען אויף שמואלן דערוועגן זיך צו זאָגן,
ער האָט געטייט ניט הייליק און ניט שטאָלץ? ...

אומשאָול:

ניין, טייטן איז ניט הייליק! ניין, ניט הייליק! ...
אין טויט דעם הייליקסטן איז אויך פאַראַן אַ שאָטן פון אַ מאָרד.
און אויב געמוזט כ׳האָב אויסראָטן עַמָלֵקס בייזן חלק,
האָב איך דאָס ביסל אומשולדיקע טייטן ניט געטאָרט.

איר פרעגט, פאַר וואָס געבראַכט אַ לעבעדיקן כ׳האָב אַגָגן?
פאַר וואָס? — ווײַל אַ געפאַנגענער איז ניט אַגָג ער מער.
איך פרעג! און זאָל, ווער ס׳האָט אַ האַרץ נאָך, פּרוּוון זאָגן,
אַז ס׳איז ניט איבעריק אַן איבעריקע טרער!

צי דען זשע פאַסט עס פאַרן פאָלק, וואָס פירט גאָטס אָרון־
דעם פאָלק, געטרײַען קנעכט פון גאָט־צבאות,
עס זאָל זײַן מלך לאָזן פירן זיך פון צאָרן,
און וווּ ער גייט, זאָל בלוט אים גיין פאָרויס? ...

שאָול:

ס׳האָט קיינער ניט געהייסן בלוט אומזיסט פאַרגיסן!
דאָס בלוט איז הייליק — ס׳איז די פּליסיקע געשטאַלט פון גאָט.
ניט שווערדנפאָך, ניט שפּיזנוואָרף און ניט אַ פייַלן־שיסן
דאַרף זייַן דער אָפּקלאַנג פון אַ מלכס טראָט.

דעם מלכס טראָט דאַרף טראָגן גוטס און ליבע;
עס דאַרף זייַן גאַנג פאַרשפּרייטן שלום אויף דער ערד.
דאָך אַלץ, וואָס ווערן קען פאַר ווידערשפּעניקונג אַ סיבה,
באַדאַרף ער אויסשנייַדן מיט אומרחמנותדיקסטער שווערד.

ס׳האָט גאָט געזאָגט, און ס׳איז גאָטס וואָרט דער כּלל פון אונדזערע געדעכטע בלוטן:
„עמלק האָט געשטעלט זיך דיר אין וועג, געדענק וואָס ער האָט דיר געטאָן!"
פאַראַן אַ צייַט, ווען נאָר דאָס בייז קען אָנגעווענדט ווערן צום גוטן,
פאַראַן אַ צייַט, ווען נאָר די שווערד דאַרף טאָן.

אַזאַ־אַ צייַט איז ווייטיקדיק, הגם זי אַ געבאָט איז.
אין אַזאַ צייַט מען טאָר ניט אויף צוויי שוועלן שטיין.
כּל־זמן דאָס שלעכטס איז נאָך ניט אויסגעראָטן,
איז יעדע גוטהאַרציקייט בייז אַליין.

ווער ס׳וויל די וועלט פון נידערטרעכטיקייט באַפרייַען,
דער מוז דעם אמת ביטערן פאַרשטיין:
דערווייַל איז גילטיק „עין תּחת עין",
דערווייַל איז יושרדיק „שן תּחת שן"...

אומשאָול:

היט אָפּ מיך, גאָט, פון דייַנע מוזגעבאָטן,
פון דייַנע אמתן, צום לעבן צוגעפּאַסט!

אין זייער נאָמען ווערט דײַן הייליקייט געטראָטן,
אין זייער נוציקייט דאָס בייז ליגט אײַנגעפּאַסט.

איך האָס אים, איך פֿאַראַכט דעם מוצלחדיקן, מוטיקן בן־ישי,
וואָס פּירט פֿון אָנהייב ביזן סוף דורך זײַן באַגער.
ער קומט דעם אייל פֿון קאָפּ מײַנעם פֿאַרווישן,
כּדי געזאַלבט זאָל ווערן ער.

ניין, נידערטרעכטיקער, מײַן שפּיז איז נאָך אַ שאַרפֿע.
איך בין נאָך ניט צעדריקט געוואָרן פֿון מײַן פּײַן.
וואָס ברינצלסטו, אַ פֿרעכער, אויף דער האַרפֿע ?
נאַ ! ... זאָל מײַן שפּיז אין האַרצן דיר אַרײַן ! ...

— — — — — — — — — — — — —

פֿאַרפֿעלט ? אָ, גאָט, ער ווידער איז אַנטלאָפֿן ?...
די שפּיז, זי שטעקט ביז צו איר העלפֿט אין וואַנט...
פֿאַרשאָלטן זאָל איך ווערן, וואָס מײַן האָפֿן
כּסדר אָפּגענאַרט ווערט פֿון דער קרומקייט פֿון מײַן האַנט !

איך וועל מײַן לאַנד פֿון עק ביז עק דורכשפּאַנען
און נאָכיאָגן דעם חוצפּהדיקן יונג.
איך וועל ניט רוען און ניט לאַגערן ביז וואַנען
מײַן שפּיז וועט אויף די ריפּן זײַנע טאָן אַ קלונג,

און בלוט וועט נעמען שפּאַרן, שפּרודלען, קוואַלן
און אָפּלעשן מײַן אָפּגענאַרטע דאָרשטנדיקע שפּיז.
פֿון מײַן האַנט ווּעסטו, הינטישער בן־ישי, פֿאַלן,
כּל־זמן נאָך די מלוכה מײַנע איז !

איך בין אַ גוטער, מיינסטו? כ׳בין אַ גוטער, כ׳וועל ניט שטעכן,
און בלוט איז טאַקע מיר אַזוי־אַ פרעמד?
ניין, ס׳וועט ניט אויפשײַנען דער שטערן פון בית־לחם,
כּדי בנימין ווערן זאָל פאַרשעמט!

איך וועל דיך, ווידערשפּעניקער און גרינג־געשעצטער, כאַפּן.
דײַן לעבן ווערן וועט מײַן שענסטער קיניגלעכער רויב.
דײַן בלוט וועל איך אין מײַנע זילבערקרוגן צאַפּן,
און ס׳וועט דײַן אינגעווייד זיך וואַלגערן אין שטויב!...

שאָול:

ניין, צאָרן קען ניט, קען ניט קילן ווונדן,
די קינאה און באַליידיקטקייט פאַרמאָגן קיין מאָל ניט קיין קלאָרן זין.
און כאָטש מײַן רום ווערט צוליב דודן פאַרשוווּנדן,
די שולד איז אין זיך, און ניט אין אים כ׳געפין.

ווײַל, ווען ניט ער, אַן אַנדערער וואָלט זיך געפונען.
די שולד שטעקט ניט אין אים, נאָר אין מײַן שוואַכן מוט.
אויב ס׳איז דער אייל פון קאָפּ מײַנעם אַראָפּגערונען,
וועט מיר ניט העלפן, וואָס ס׳וועט רינען דודס בלוט.

איך וועל אַליין איינס דער מלך ניט פאַרבלײַבן.
מײַן הערשאַפט וועט, ווי עלי, ברעכן איר געניק.
עס מוז צעריבן ווערן דער, וואָס האָט קיין מוט ניט צו צערײַבן
דעם שׂונא, וואָס פאַרמעסט זיך אויף זײַן גליק.

אומשאָול:

נו, בין איך ניט קיין הערשער, ניט קיין פּאַסטעך,
אָבער אַ מענטשלעך און גוט האַרץ פאַרמאָג איך דאָך.

פאַר וואָס זשע פאַר מײַן מענטשלעכקייט מען האַסט מיך?
פאַר וואָס מוז אַזוי גרויליק זײַן מײַן בראָך?

פאַר וואָס מוז איך אַוועק פון דער מלוכה
ניט ווי אַן אַנגעזעענער בכבודיקער מאַן?
פאַר וואָס טראָגן זיך אום איבער ישׂראל שפּרוכן,
אַז ס'איז אַ בעסערער פון מיר פאַראַן?

איך פרעג, איך פרעג, און זאָל מען מיר מײַן חטא דערציילן!
צי דען אַ מענטשלעך האַרץ פאַרמאָגן איז אַ זינד?
פאַר וואָס קומט מיר אַראָפּווישן פון קאָפּ די איילן
און זיי אַרויפטאָן אויף אַ חוצפּהדיקן קינד?

שאָול:

פאַר וואָס? ווײַל איך בין ווערט. פאַרדינט האָב איך די חרפּה.
ווער ס'איז ניט פעיִק צו פאַראַכטן, זיך אַליין פאַראַכט.
דערפאַר מיך מאַטערן יסורים האַרבע,
דערפאַר דער מיטן טאָג פאַר מיר איז האַלבע נאַכט.

וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס כ'האָב געהאַט רחמנות אויף אַגגן
וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס כ'האָב געמיינט, מײַן האַרץ איז גוט,
אויב שפּעטער צוליב דעם — פון בייזן גײַסט געטראָגן —
אַ גליק פאַר מיר ווערט צו פאַרגיסן דודס בלוט?

ווער ס'האָט דעם כּלל פון אונדזער וועלט געמיטן,
ווער ס'מיינט, אַז מוזן מענטשלעכע אים זענען פרעמד,
דער ווערט אויף אונדזער ערד פאַרמיאוסט, און לסוף — פאַרשניטן
מיט גײַסט צעריסענעם, פון אַלעמען פאַרשעמט...

ווילנע, יולי 1945

די פּיראַמידע־בויערס

ס׳גייט אַ רעגן.
ס׳ערשטע מאָל נאָך זיבן לאַנגע יאָר אַ רעגן,
ס׳ערשטע מאָל: אַ הימל אָן איין שטערן.
אויפֿן נאַסן, גרײַפּלדיקן זאַמד מיר ליגן,
האַלטן אויפֿגעריסן ברייט די זשעדנע מײַלער,
זאָל דאָס וווּנדערלעכע הימל־וואַסער
גלײַך פֿון וואָלקן אין די גאָרגלען אונדז אַרײַן...

שטראָמענדיקער, פֿלייצנדיקער רעגן —
גליק, וואָס איז פֿאַר אַלעמען און יעדן!
איינציקער געניס, וואָס קיינער קען ניט רויבן;
אונדז געהערט ער, פּונקט אַזוי ווי פּרעהן,
ווי אַ גרויסע לאַטאַסבלום עס בליט דאָס האַרץ...
פֿלאַגט אַבער און פּײַניקט דער זכּרון,
נאַגט און לאָזט ניט רוען די דערמאָנונג:
ערגעץ ווײַט אין בריִענדיקע זאַמדן
שטייען ליימענע צעפּלאַצטע היימען
און אין זיי פֿאַרלאָזטע, אומגליקלעכע לעבנס
בענקען, שמאַכטן, גייען אויס, ווי מיר...

עס האָט דער, וואָס אינעם הויז דעם גרויסן *,
אונדז אַרויסגעריסן פֿון די נעבעכדיקע בײַדלעך,
און באַפֿוילן אויסטריפֿן אונדזערע לעבנס,
עס זאָל אים זײַן וווּל אויף יענער וועלט...
פֿונעם זונאויפֿגאַנג ביז שטערן־אויפֿגלאַנץ
פּרײַכן מיר און ווייקן זיך אין שווייסן,
שלעפּן דורכן מידבר גאַנצע פֿעלדזן,
וואַלגערן אַרויף אויף העכסטע הייכן
בראָכשטיינער אין פּרעהס אייביקן געצעלט...

---

* „פּרעה" באַטײַט „דאָס גרויסע הויז", ד.ה. „דער, וואָס לעבט אין גרויסן הויז".

ער, וואָס ווינט אין גרויסן הויז,
וואָס געניסט די גרעסטע פרייד,
קען ניט דעם געדאַנק דערלאָזן,
אַז דאָס אַלצדינג מוז אַוועק...
אייביק, וויל ער, זאָל עס האַלטן!
ער באַזיצן מוז זײַן גרויסקייט
ניט נאָר איצט, אויך נאָך זײַן שטאַרבן!
דער, וואָס האָט דאָס גליק געפּאַקט שוין,
לאָזט עס ניט פון האַנט אַרויס...

דרײַ מאָל גרעסער, צען מאָל העכער
פון זײַן גרויסן הויז אין מעמפיס
דאַרף זײַן יענע-וועלט-שלאָס זײַן.
שווער און ווערדיק, שטרענג און מאַכטיק,
פעסט און אייביק, ווי אַ שטיינבאַרג,
אָן שום טיר און אָן שום פענצטער,
ניט דערגרייכלעך פאַר קיין בריאה,
אָפגעשלאָסן, אָפגעזונדערט
זאָל דאָרט הויזן, זאָל דאָרט רוען
פּרעה — מלך, פּרעה — גאָט...

ווײ, ווי גרויס,
ווי ריזיק אונדזער צאָל איז!
אויף די אַקסלען און געניקן רײַטן פעלדזן,
קני זיך בייגן, רוקנס ברעכן אײַן זיך,
ס'טריפט דאָס לעבן — טריפט און רינט ניט אויס...
ווײ, ווי גרויס,
ווי ריזיק אונדזער צאָל איז,
און פאַר יעדערן פאַראַן איז אַ שטיק אומגליק.
ווי פּאַפּירוסן — פאַרקוואַרט אונדזערע לײַבער,
אין די גלידער — רויטע מידקייט, אַנשטאָט בלוט...
ווײ, ווי גרויס,
ווי ריזיק אונדזער צאָל איז,

און מיר ווערן בטל קעגן איינעם!
ווײ אונדז, אַז אַזוי פֿיל הערצער ברענען,
און זײ צינדן גאָרנישט, גאָרנישט אָן!..

גרויסער לעבן־האַסער — גאָט אַנוביס [1] —
נעם אונדז צו, באַפֿרײַ אונדז פֿון די לײדן!
פֿײַן אָן האָפֿענונג דערלויבט ניט וואַרטן,
אָנקומען דער טויט זאָל ווען ניט איז...
תּיכּף! תּיכּף! ווילן מיר אים האָבן;
שטיין צעקוועטשט האָט אַלע אונדזערע באַגערן.
זײַ אַ גוטער, גיב דעם טויט אונדז,
זאָל דערפֿילט ווערן
אונדזער פֿאַרלאַנגלאָזער פֿאַרלאַנג...

גאָט אַנוביס, דײַנע מענטשנקני מיר גלעטן,
דײַנע הונטליפּן מיר קושן:
לייז אונדז אויס פֿון גרעסטן אומגליק —
אונדז, די מומיעס, אײַנגעדאַרטע אָן באַלזאַם...

גאָט אַנוביס, אויסגערופֿן האָבן מיר צו אַלע געטער.
קיינער ניט געענטפֿערט האָט אויף אונדזער תּפֿילה.
ראַ [2] פֿאַרמאַכט און עפֿנט זײַנע אויגן:
ליכטיקייט מיט פֿינצטערניש זיך בײַטן,
און די אומגערעכטיקייט פֿאַרבלײַבט...

גאָט אַנוביס, קיינער, קיינער העלפֿט ניט.
אָזירים, איזידע [3] האָבן זיך פֿאַרשפּאַרט אין טעמפּלען,
צו אַטאָנען [4] אונדזער קול דערגייט ניט,
אַפּיס, כאַטאָר [5] קוקן אָן, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר רינדער,
טויב, ווי כּושער קיזלשטיין, עס איז אַמאָן [4].

גאָט אַנוביס — שרעקלעכסטער פֿון אַלע געטער,
מיר צו דיר זײַנען אַצינד דערגאַנגען,

קיינער וויל אונדזער געבעט ניט הערן,
קיינער וויל ניט הילף אונדז געבן;
דו אַליין נאָר, דו נאָר איינער
תּמיד ביסט צו דינען גרייט...

ס׳גייט אַ רעגן —
אַ מחיהדיקער, שפּעדיקער רעגן.
ס׳ערשטע מאָל דער דאָרשט איז אָפּגעלאָשן,
ס׳ערשטע מאָל עס ברענט ניט מער דאָס לײַב.

רעגן, רעגן, רעגן...
נאָך אַזוי פּיל יאָרן טריקעניש אַ רעגן.
אויב אַזעלכעס קען זײַן מעגלעך,
וואָס איז דעמאָלט אוממעגלעך אויף אונדזער ערד?
אַלע מעכטיקייטן שטייען אויפֿן זאַמד...

אַ, ווי קונציק פּרעה האָט געצוווּנגען בויען:
אונטן — ברייט, דער אויבן — קוים פֿאַראַנען;
קען דען איבערקערן ווער אַזאַ געבײַ?

באַלד שוין וועט זי זײַן פֿאַרענדיקט
זײַן געגאַרטע אייביקייטן-וווינונג.
בלויז אַ שטיקעלע וועט איבערבלײַבן אָפֿן —
וואַרטן ביז ס׳וועט אָנקומען זײַן לעצטער טאָג...
באַלד שוין וועט זי זײַן פֿאַרענדיקט.
אונדזער מי וועט אָבער זיך ניט ענדן;
פּרעהן גלוסט זיך: בײַ זײַן קבֿר-פּאַלאַץ
וואַכן זאָל פֿון קיזלשטיין אַ שומר,
וואָס זאָל אָפּהיטן זײַן אויסגערוטע רו...
ווידער וועלן מיר באַדאַרפֿן שמאַכטן,
לעשן גלידערבראַנד אין אָנגעהיצטע שווייסן,
האַקן, אויסהאַקן אַ שטאַרקן, קלוגן וועכטער —
מענטשנקאָפּ מיט לייבנלײַב געפּאָרט...

רעגן, רעגן, רעגן —
לעבעדיקער, אַלץ באַלעבנדיקער רעגן...
און דאָס האַרץ, ווען ס'ווערט דערקוויקט אַ ביסעלע,
הייבט אָן צו פֿרעגן,
לכתחילה — אײַנגעהאַלטן, ווי פֿאַרשעמט,
נאָך דעם — אויפֿגערודערט, עגמת־נפֿשדיק צעקלעמט:
„האָבן טאַקע מ י ר
דאָס אומזיניקע האַמעטנע געבײַ געשאַפֿן?
האָבן טאַקע מ י ר פֿאַראייביקט זיך ווי שקלאַפֿן?
???"

דריקנדיקער פֿון דער פּיראַמידע איז דער ענטפֿער...

ווילנע, 1962

---

1 אַנוביס — דער גאָט פֿון טויט. ער פֿלעגט געצייכנט ווערן מיט אַ מענטשלעכן גוף און אַ הינטישן, אָדער שאַקאַלישן קאָפּ.

2 ראַ — דער גאָט פֿון דער זון. ראַ האָט באַשאַפֿן די ערד, די מענטשן, חיות און געוויקסן. אַז ראַ עפֿנט די אויגן ווערט ליכטיק, און אַז ער פֿאַרמאַכט — ווערט נאַכט.

3 אָזיריס — דער גאָט פֿון גערעטעניש, פֿון דער לבנה און פֿון די וואַסערן פֿונעם ניל. איזידע — אַ געטין, די פֿרוי פֿון גאָט אָזיריס.

4 אַטאָן, אַמאָן — עגיפּטישע געטער. אין פֿאַרשיידענע צײַטן האָט מען זיי צוגעשריבן פֿאַרשיידענע אייגנשאַפֿטן.

5 אַפּיס — אַ פֿאַרגעטערטער אָקס, כאַטאָר — אַ פֿאַרגעטערטע קו.

דער דור־המידבר

ס'איז הייס אין מידבר. עס גליט אַזש איטלעכער זעמדל,
און פיס ביז קנעכלער טוקן זיך אין זוד.
די הויט די אייגענע, אַן איבעריק ענג העמד איז,
און אויסגעשׂרפעט איז אין אָדערן דאָס בלוט.

שוין אויפגעהערט אַפילו אויך צו שוויצן.
ניטאָ קיין פײַכטקייט מער אַפילו אויך אין אויג.
וואָס זײַנען עקדישן אַקעגן מידבר־היצן?
און ווען מען אַזאַ מאַטערן זיך טויג,

אַז טאָג נאָך טאָג: נאָר זאַמד און זאַמד, און וואָגל,
און איבער דעם — אַ הימל, וואָס איז תּמיד שרעקלעך בלוי?!
אָ־וויי, אַ וואָלקנדל! אָ־וויי, אָ־וויי, אַ לאָגל!
אָ־גוואַלד, אַ טראָפּן טוי!

*

גענוג!.. גענוג דורך פּײַניקונגען צו באַפרײַען!
מיר ווילן פלייש!.. מיר האָבן זיך דערמאָנט
אין די מחיהדיקע גרינסן פון מצרים,
דאָס שפּײַעכץ פונעם גומען מאָנט!..

מיר ווילן פיש, מיר ווילן פלייש, מיר ווילן עסן!
ווען מען איז זאַט, איז אויך אַ שקלאַפיש לעבן גליק.
מיר קענען ניט די טעפּ מיט פלייש פאַרגעסן,
מיר גאַרן זיי! פירט אונדז צוריק!

פירט אונדז צוריק, און זאָל די קנעכטשאַפט אונדז באַפרײַען
מיט נאָכגעבן די גלוסטונגען פון אונדזער האַלדז;
מיר ווילן גריזשען, סמאָטשקען, קײַען,
און דאָס איז אַלץ!!..

*

בײַ נאַכט. אַ פֿולע גלאַנצנדיקע, קופּערנע לבנה.
די מחנה שלאָפֿט אַן אומרויִקן שלאָף.
נאָר אַזאַ טאָג פֿון שרײַען און פֿון זינדיק מאָנען,
מוז מען, אַפֿילו שלאָפֿנדיק, פֿאַרויספּילן די שטראָף.

בײַ נאַכט. מען אָטעמט טיף מיט די אַרויסגעשטאַרצטע ריפּן.
מען אָטעמט טיף אַזוי, ווי טיף עס איז די מידקייט נאָך אַ זינד.
עס זעצט זיך טוי אויף די פֿון דאָרשט צעפּלאַצטע ליפּן
פֿון מענטש, פֿון קעמל און פֿון רינד.

די מחנה שלאָפֿט... דאָס חוץ־למחנה שלאָפֿט ניט,
ווײַל ווער ס׳איז אָפּגעזונדערט, ווייסט ניט פֿון קיין רו.
ווער ס׳לעבט מיט נאָר באַליידיקט זײַן, דער האָפֿט ניט,
אים קען ניט רייניקן דאָס אַש פֿון רויטער קו.

אין מחנה — שטיל. אין חוץ־למחנה — אַ געוויטער:
„טרעט אָפּ פֿון אונדז! עס האָט אונדז פֿײַנט דאָס גליק...
מיר, קרעציקע און פֿלוסיקע, זײַנען פֿאַרביטערט,
מיר שעלטן דעם פּאַרויס און האַסן דעם צוריק!״.

„הו־הו! איך האָב די נאָז פֿאַרלאָרן!״
צעוויעט זיך אַ הפקר־יונג, ווי אַ שאַקאַל.
„אַ־ווי, מײַן האַנט איז גרין און בלוי געוואָרן
אַזוי ווי אַ נבלהס פֿוילנדיקע גאַל!״.

„עס זײַנען טאַקע אומריינע די לײַבער אונדזערע און טרייף די חושים,
מיר אָבער פֿירן ניט דעם לאַגערס פֿאַלשע שפּיל.
מיר, טמאים, האָבן פֿײַנט דאָס צביעות, וואָס הייסט בושה,
מיר פּלאַפּלען אָפֿן, וואָס מע מיינט און וויל!״...

*

אין מיטן לאַגער — אין געהיי פון שבט לוי
סע שמועסן צוויי יונגע גוטע פרײַנד:
„דו האָרכסט עוזיאל? הער, אַ־וויי, ווי
עס טומלט דאָרט דאָס חוץ־למחנה הײַנט.

וואָס ווילן זיי, די אומריינע, דערגרייכן?
פאַר זיי איז דאָך אַלץ איינס קיין גוטס שוין ניט פאַראַן.
אויב ס׳וועט אַפילו געבן אונדז אַ צייכן
דער זון פון עמרמען — גאָטס אויסדערוויילטער מאַן,

מע זאָל אַריבערגיין דעם ירדן
און ווערן אויסגעלייזט פון וואָגלעניש און פּײַן;
צי וועט געמינערט ווערן זייער צער דען,
ווען זיי וועלן אויך דאָרט פאַרשטויסן זײַן?"

„איך הער, אליצור, זייער חוצפּהדיק און גיפטיק טומלען.
זיי זײַנען בייז און אומפאַרשעמט, זיי זײַנען אָבער עכט.
פון זייערע אין ניבול־פּה געווייקטע צונג און גומען
מע הערט אַרויס, ווי מיר אויך האָבן אַלץ פאַרשוועכט.

ניט נאָר דאָס חוץ־למחנה. דאָ — אין מחנה גופא
פאַרפוילטע זײַנען מיר פון אָנהייב ביז צום סוף.
פאַר גײַסטיק־קרעציקע איז ניט פאַראַן קיין תּרופה,
און מאַרך־געפּלאָגטע היילט מען ניט מיט שטראָף..."

*

„תּרו — עה!.. תּרו — עה!.." סע שאַלן זילבערנע טרומייטן.
„תּרו — עה!.. תּרו — עה!.. תּרו — עה!.. שטייט אויף!
אין וועג אַרײַן, אין וועג אַרײַן זיך גרייטן!
צענעמט די סוכּות, פּאַקט אויף אייזעלער אַרויף!"

„תּרו — עה, שטייט אויף! תּרו — עה! דער וועג איז נאָך אַ גרויסער.
תּרו — עה! תּרו — עה!.. הייבט, וואַנדערער, זיך אוף;

צו ליידן נעבטיקע פון ס׳נײַ מוזט הײַנט אַרויס איר,
„תּרו — עה!״ איז אַ באַפעל, און ניט קיין רוף״...

„תּרו — עה!.. תּרו — עה!..״ עס גוואַלדעווען טרומייטן.
„תּרו — עה!..״ — נו, יאָ, נו־מילא — מע וועט גיין,
און זאָלן היץ און דאָרשט, און פּײַן באַגלייטן
מיט זקנים־קרעכץ און עופּעלער־געוויין!..

„תּרו — עה!.. תּרו — עה!״..
„תּרו — עה!״..

*

פּאָרויס — די פּאָן פון מחנה פון יהודה,
נאָך איר — פון ראובן, פון אפרים און פון דָן.
זיך אויסגעשלאָפן, אָפּגערוט דאָ,
הייבט מען אָ נײַעם וואָגל אָן.

אַזוי אָ הייס, רק וועג און וועג... אָבער ס׳איז גאָרניט!
פאַר די באַפרײַטע פון דעם שווערן קנעכטן ליים
איז אַלצדינג גרינג. באַקלאָגן זיך מע טאָר ניט,
ווען ס׳ווינקען צוקונפט, פרײַהייט און אַ היים!

„מיר זײַנען אָפּט מאָל טאָקע ניט צופרידן,
מיר זײַנען אָבער פאָרט אַ גרויסער דור.
מיר זײַנען דאָך די ערשטע פרײַע ייִדן,
הגם מיר וואַנדערן דעם פערטן צענדליק יאָר.

מיר קענען לײַדן, יאָ, מיר וועלן, ווילן לײַדן,
ווײַל עפּעס זעען מיר אַזוינס, וואָס האָט אַ גרויסן זין.
מיר וועלן אַלע שוועריקייטן מײַדן,
מיר גייען דאָך אַהין!..

אַהין! אַהין! הייבט מונטערער די אויסגעמאַטערט דאָרע ליטקעס
און צייכנט שפּורן רק פאָרויס, פאָרויס!

מיר וועלן גיין, צולהכעיס אונדזער מידקייט,
מיר זײַנען מוטיקע, מיר זײַנען גרויס!!"...

— אָ, ראַטעוועט!.. אַ שלאַנג האָט מיך צעביסן!
— אוי־אוי, אויך מיך!
— אויך מיך!
— אויך מיך!
— אויך מיך!
האָט זיך פון גאַרגלען הונדערטער געריסן,
און ס'האָט די מחנה זיך דערפילט, ווי אויסער זיך:

— באַפאַלן!.. שלאַנגען!..
— שלאַנגען!..
— שלאַנגען!..
— אַ־וויי, צו אונדז — פאַריאָגטע פונעם גליק!
צו וואָס פון גושן זײַנען מיר אַרויסגעגאַנגען?
וואָס וויל מען עס פון אונדז?.. פירט אונדז צוריק!..
פ־י־ר־ט א־ו־נ־ד־ז צ־ו־ר־י־ק!!..

*

„כ'בין, ייִדן, אויך אַ הייליקער — פון שבט לוי,
און מײַן זיידע און משהס זיידע איז דער זעלבער קהָת.
נאָר וואָס זשע, טוט מען, אַז כ'פאַרשטיי, ווי
עס איז אַלץ פאַלש?.. צו וואָס, ברידער, צו וואָס?

צו וואָס, כ'פרעג, דאַרפן מיר עס האָבן?
צי האָט אונדז, ברידערלעך, אַזוינס געלוינט?
אַזוי פיל אייגענע אין וועג באַגראָבן,
עס האָט, דוכט, קיינעם ניט פון אונדז געשווינט.

און איצטער: ווידער אַ מאָל — נײַע טויטע!..
לאָמיר זיך, ברידער, עפּעס אָפּלערנען דערפון!
אָ, וועמען, ייִדן, האָבן מיר געטרויט דאָ,
הגם ער איז מײַן טאַטנס ברודערס זון?..

געטייטע פון די שלאַנגען מיר אַצינד באַגראָבן.
צי איז אָבער באַגראָבן ס׳פּאַסיקע דאָ וואָרט?
אין זאַמד באַהאַלטן מיר, סע זאָלן זיך שאַקאַלן לאָבן
מיט זיי, ווען מיר פאַרלאָזן וועלן באַלד דאָס אָרט.

גלייבט, ברידער, מיר, ס׳איז אמת, ווי כ׳הייס קורח,
אַז כ׳טומל ווײַל דער שקר מיך פאַרדריסט!..
פאַר וועמען, זאָגט מיר, זין געבויר איך?
און איך — פאַר וועמען? פאַר דער וויסט?..״

*

געוויין אין מידבר... ס׳קלאָגן גאַנצע שבטים.
ניטאָ קיין טרערן, וויינט מען מיטן קול:
„אָ־ווי צום לאַגער אונדזערן, אָ־ווי, וואָס האָט אים
געפעלט אין בלי̇ענדיקן נילוס־טאָל?..

מיר וואָגלען, שמאַכטן, מאַטערן זיך טעגלעך,
ביז נאַכט מיר גייען ווײַטער... נאָר וווּהין?
אַז ס׳איז אין מידבר דאָך קיין קלאָרער וועג ניט מעגלעך,
טאָ גיי אין מידבר אים געפין...

אָ, לאָמיר וויינען, וויינען, וויינען
מיט שטיקער אויג, אויב ס׳איז ניטאָ קיין טרער,
מיט קללות שרעקלעכסטע לאָמיר פאַרשטיינען
דעם, וואָס געבראַכט האָט אונדז אַהער!!״...

געוויין אין מידבר... און עס ענטפערן שאַקאַלן
מיט פונקט אַזאַ פאַראומגליקלעכטן קלאָג:
„מיר וועלן נאָך אַ יעדערן פון אײַך אַ מאָל באַפאַלן,
עס וועט פאַר איטלעכן נאָך קומען אַזאַ טאָג!״...

*

מיר, געבוירענע אין מידבר,
אויסגעוואַקסענע אין וועג,
ווענדן איצט אונדזערע לידער
צו די קומענדיקע טעג.

ניט געווען מיר אין מצרים,
נאָר אין כּנען ניט אַרײַן.
פֿאַר דער צוקונפֿט מיר געדײַען —
פֿאַר דער צײַט, וואָס וועט ערשט זײַן!

מעגן טאַטעס עס ניט וועלן,
גיין וועט מען פֿאַרויס — אַהין,
ווו די יונגע וועט געפֿעלן,
ווי עס ווײַזן אָן די זין!

קוקט אויף אונדזער לײַב דעם שוואַרצן,
אויפֿן גלי̇ענדיקן בליק;
אויסגעמאַטערט און פֿאַרדאַרט זײַן
צוליב צוקונפֿט איז אַ גליק!

יאָ, אַוודאי טיף די זאַמדן,
און די ליידן — טיפֿער נאָך.
צו אַ שלאַנגענביס פֿאַרסמטן
קומט נאָך צו אַן עקדישסטאָך.

שווער דער וועג איז צו דער פֿרײַהייט,
שווער און אָפֿט מאָל אויך ניט קלאָר.
אויסגעטראָטן אים אויף ס'נײַ האָט
אונדזער פֿרײַער יונגער דור.

מעגן טאַטעס נאַריש בענקען,
אַלטע צײַט קומט ניט צוריק!
ווער די קנעכטשאַפֿט וויל געדענקען,
זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון גליק!..

מיר דאַרף גאָרן צו פאַרגעסן,
אַז מיר זײַנען זין פון קנעכט,
און אַ להוט זײַן נאָר פרעסן
אונדז — די יונגע — ניט פאַרשווערכט.

אונדזער בענקשאַפט איז די פרײַהייט,
אונדזער גאַנג איז נאָר צו איר.
אויסדויער און כּוח סטײַען.
מיר, די יונגע — שטאָלצע מיר!

*

— תּמר! ס׳האָט די הייסע זון
זיך באַהאַלטן שוין פון לאַנג.
און ווי נאָר ס׳פאַרשווינדט די זון,
ווערט מײַן האַרץ אויף בענקשאַפט קראַנק.

תּמר, ס׳איז דער העלער טאָג
לאַנג פאַרפלויגן און אַוועק.
זאָל אונדז זײַן געבענטשט דער טאָג,
וואָס פאַרזיסט מיר מײַנע טעג!

תּמר, ס׳צערטלט מיך דער ווינט;
ער בײַ נאַכט איז אַזוי קיל...
דאָך זײַן אָטעם מאַכט ניט לינד
מײַן צעהייסבלוטיקט געפיל!

תּמר, כ׳שטיי בײַ דײַן געצעלט,
און מײַן האַרץ איז אַזוי גרויס.
פאַרן פאָרהאַנג פון געצעלט
קום, מײַן טײַערע, אַרויס!

— יאָ, איתמר, כ׳בין אַרויס.
ס׳שלאָפט מײַן טאַטנס פאָטערהויז.
הייס אינעם געצעלט, אַז ס׳שטיקט,
און מײַן בלוט צו דיר מיך שיקט...

יאָ, איתמר, כ׳בין אַרויס.
ווי די זון — לבנה גרויס.
אַזאַ זייַדענע די נאַכט;
כ׳האָב אַלץ וועגן דיר געטראַכט.

יאָ, איתמר, כ׳בין אַרויס.
אַזוי גליקלעך זעסטו אויס...
קוק זיך אָבער צו צו מיר,
כ׳בין נאָך גליקלעכער פון דיר...

יאָ, איתמר, כ׳בין אַרויס,
אָבער גיי און רו זיך אויס;
מיטן אויפגאַנג פון דער זון
וואַרט אין זייַן געצעלט בן נון.

*

אין מערב פון מחנה — די פּאַן פון אפרים,
און דאָרט אין אַ ציכטיק און היימיש געצעלט
עס קומען צונויף זיך די יונגע די פרייַע,
וואָס האָבן זיך קעגן דער קנעכטשאַפט געשטעלט.

געפּראָפּט דאָס געצעלט איז מיט מונטערער יוגנט,
אַ פּולס — מיט באַגייַסטערונג, פרייד און מיט זון.
עס קוקט אויף די געסט אַזוי ליכטיק באַנוגנט
דער האַר פון געצעלט — יהושע בן נון,

און עפּעס דערפילט מען, אַז ווייַט איז מצרים,
אַזוי אַ שוין ווייַט פון דער קנעכטשאַפט אַוועק
כאָטש טעגלעך מע הערט נאָך אין מידבר דאָס שרייַען:
„מיר בענקען נאָך יענע — די פליישיקע — טעג!״...

איתמר שטעלט אויף זיך מיט אויגן וואָס גליִען,
אַזוי ווי בייַם לוי, וואָס זינגען זיך שטעלט:
„איך וועל אַ פּאָר ווערטער איצט זאָגן זיך מיִען
דעם האַרציקן האַר פון באַהאַרצטן געצעלט:

מיר זײַנען געקומען, בן נון, דיר באַדאַנקען.
געװען ביסט אין כּנען באַקוקן דאָס לאַנד,
געקערט זיך מיט װערדיקע, שטאָלצע געדאַנקען,
בעת אַנדערע פּלאַפּלען רכילות און שאַנד.

געשיקט האָט מען שליחים, זײ זאָלן געפינען
דאָס גוטע, װאָס אונדז אין דער צוקונפט דערװאַרט.
נאָר ס׳האָט דאָס פּחדנות צעמישט זײ דעם זינען,
און װער ס׳האָט געטרױט זײ, דער האָט זיך גענאַרט.

בלױז דו נאָר און כָּלב די װאָר האָט באַנומען,
געזען אַלץ מיט אױגן, װאָס קוקן פֿאָרױס.
איז זײַנען מיר איצט צו דײַן אמת געקומען
פֿאַרטרױען אים אונדזער נשמה־געברױז.

מיט אונדז איז דער כּוח פֿון אָקערשט־באַפֿרײַטע,
דער אימפּעט פֿון די, װאָס פֿון קנעכטשאַפֿט אַרױס.
טאָ נעם, יהושע, נעם איבער און לײַטער
די מוטיקע יוגנט, װאָס רײַסט זיך פֿאָראױס!״.

*

— קינדער, קוקט נאָר אויף פֿאָרויס,
און האָט פֿײַנט דעם װעג צוריק.
מײַדט ניט שװעריקײטן אױס,
אױב איר זוכט ניט װאָלװל גליק!

קינדער, איר — דער ערשטער דור,
װאָס איז פֿרײַ פֿון פּרעהס יאָך.
ס׳איז פֿאַר אײַך שױן גרױע װאָר
אונדזער חלומס ראָזער תּוך.

קינדער, װײסט, אַז לעבן לײַכט
איז הנאה דורך געפֿאַר.

כ׳זאָג ניט: „פון דער גרינגקייט ווייַכט״.
ווייסט נאָר, אַז אויך זי ברענגט צער.

קינדער, אַלצדינג, וואָס מע טוט,
מוז מען ביזן סוף דערטאָן.
ווען ס׳פעלט אין מיטן מוט,
זינדיקט, וואָס ער הייבט גאָר אָן!

קינדער, „אוממעגלער״ ניט זאָגט!
אָט, למשל, איך — בן נון,
ווען כ׳וואָלט זען, צו קורץ דער טאָג,
וואָלט איך אָפּהאַלטן די זון!..

*

עפּעס שפּרייַזט די מחנה שנעלער,
פּלוצעם — גרינגער גאָר דער וועג.
כאָטש די זון איז, דוכט, נאָך העלער,
זייַנען גרינג די הייסע טעג.

וואָס געשען איז, אַז פאַרשווונדן
איז די ווידערשפּעניקונג?
וואָס געשען איז? — אָנגעצונדן
הערצער האָט דער דור, וואָס יונג.

יאָ, פאַראַן אַזעלכע איצט נאָך,
וואָס זיי שאַצן אַלץ, ווי קנעכט;
ס׳איז אין זייער מאַרך פאַרקריצט נאָך:
„ווער סע שמייַסט, דער איז גערעכט!״...

דאָך אַצינד אין אַלע עקן,
בייַ דעם לאַגערס יעדער פאָן
זיי — די יוגנטלעכע וועקן,
זיי — די יונגע פירן אָן!..

*

האָ !.. האָ !..
ס׳טאַנצט דער לאַגער,
ס׳טאַנצט דער לאַגער
מיט די דאַרע, ברוינע פּיס.

יאָ !.. יאָ !..
ס׳טאַנצט דער לאַגער,
ס׳טאַנצט דער לאַגער,
ליפּן פּרעפּלען פריידיק זיס :

וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..

האָ !.. האָ !..
פון די ימען,
ווײַטע ימען
זײַ פאַרבלאָנדזשעט אַזש אַהער !

יאָ !.. יאָ !..
ניט פאַרזאַמען,
ניט פאַרזאַמען
אָנצוגרייטן זיך וואָס מער

וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..

האָ !.. האָ !..
לאָמיר שפּרינגען,
העכער שפּרינגען ! —
אַזוי הויך, ווי ס׳שטײַגט די פרייד !

יאָ !.. יאָ !..
לאָמיר זינגען,
פויקן, קלינגען,
שרייַען, שאַלן אין טרומייט:

וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..

האָ !.. האָ !..
סאַראַ תּענוג —
זיסער תּענוג !
ס'ווערט אין אַלע גלידער הייס...

יאָ !.. יאָ !..
דוכט, גאָר ווייַניק ?
יאָ־יאָ, ווייַניק !
שיכּור ווערן מיר פון פלייש —

וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..

האָ !.. האָ !..
לאָמיר עסן —
עסן, פרעסן,
גיין זאָל פון די ציין אַזש רויך !..

יאָ !.. יאָ !..
ז י ך פאַרגעסן,
גאָט פאַרגעסן !
אָנשטאָפּן אַ פולן בויך

וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..
וואַכטלפויגלען !..

*

אָ, עס יאָמערן געצעלטן !
ווײַ, אין יעטווידן געצעלט
שטאַרבנדיקע ליפּן שעלטן
משהן, זיך, די גאַנצע וועלט:

— קוים איין מאָל געפּרוּווט געניסן;
קומט פאַר דעם אַזאַ אַ שטראָף?
פאַר אַ נעבעכדיקן ביסן —
אַזאַ ווייטיקדיקער סוף?

— אָ, אַ פּלאָג אין די געדערעם!
אָ, אַ בראַנד אין יעדן גליד!
און דער טויט, אָ־ווײַ, איך הער אים —
לעבן מיר שוין זײַנע טריט!..

גסיסה טרייסלט גאַנצע שבטים...
כאָרכלעניש פון טיפער ברוסט...
שוין!.. — אין זאַמד ליגן פאַרשאָטן
די, וואָס האָבן זיך פאַרגלוסט!..

*

„עדות זײַנען זאַמד און הימל
און דער קוואַל אין מיטן וועג,
אַז איך קען זיך ניט באַרימען,
ס'זאָל מײַן ליבשאַפט זײַן אַוועק.

כ'האָב זי ליב אַזוי, ווי פריִער;
אין געדאַנק מײַנעם — אַלץ זי.

נאַר אויב כ׳וועל פאַר איר נאָך קניִען,
זאָלן אָפּדאַרן די קני!

וואַכטלפויגלען אָנגעפלויגן
און אַ תּל געמאַכט פון אַלץ!..
אין מײַן תּמרס שיינע אויגן
האָט די בויך־תּאווה געגלאַנצט...

כ׳וויל פון איר איצט מער ניט וויסן,
אויב נאָך פלייש איז זי אַוועק.
פון מײַן האַרץ אַרויסגעריסן
האָב איך מײַנע ליבשאַפטטעג...

אָ, ווי גרויס ס׳איז אונדזער אומגליק,
אויב עס איז בײַ אונדז געשען,
אַז אויך יונגע מיטן זונבליק
זײַנען בויכגיריק געווען,

אַז פון צווישן אונדז — די יונגע —
ניט געבוירענע ווי קנעכט,
עמעצן איז ניט געלונגען
אָפּצוהאַלטן זיך פון שלעכטס.

ס׳העלפן ניט די טרערן, תּמר,
ביסט פון אונדזער וועג אַראָפּ.
איך אַליין — דײַן פרײַנד, איתּמר —
זונדער דיך דער ערשטער אָפּ!..״

*

אויס!.. מיר דאַרפן ניט דעם גאָט, —
דעם, וואָס אַלץ באַשאַפן האָט!

מיר האָבן ניט א י ם געוואָלט.
א ו נ ד ז ע ר גאָט איז אונדזער גאָלד!

ניין! — מיר דאַרפֿן ניט קיין גאָט,
וואָס די פֿרייד פֿון זעט פֿאַרבאָט,

אַזאַ גאָט, וואָס תּמיד ווייסט
נאָר צו שטראָפֿן און זײַן בייז...

מיר׳ן אויסשמעלצן אַ גאָט,
וואָס אַ ליבלעך פּנים האָט,

גוטסקייט, רײַכקייט — האַלב אויף האַלב;
גאָלד אין אויסזען פֿון אַ קאַלב...

ווי די קעמלען, לאָמיר קניִען
פֿאַרן נײַעם גרויסן גאָט!
אינעם וועג, וועלכן מיר ציִען,
וועט ער שטאַרקן אונדזער טראָט.

סאַראַ ליבקייט... סאַראַ שיינקייט...
סאַראַ מילדקייט פֿונעם בליק!
סאַראַ גלאַנצנדיקע ריינקייט...
לויטער גאָלד איז לויטער גליק!..

ווי די קעמלען, לאָמיר קניִען
פֿאַרן גינגאָלדענעם גאָט,
און מיט אויגן, וואָס זיי גליִען,
ליגן, וואַרטן אויף זײַן גנאָד!

גאָלד — דאָס קעפּל, גאָלד — דאָס גופֿל,
אויך דאָס שמייכעלע — פֿון גאָלד!
בלוטן שרײַען, בלוטן רופֿן:
„לאַנג מיר האָבן עס געוואָלט!"

לאָמיר קניִען, ווי די קעמלען,
מיט די קעפּ אַזש ביז צום זאַמד.

לאָמיר גאַנצענע געזעמלען
זיס פאַרלירן דעם פאַרשטאַנד !...

*

— אין חודש זוניקסטן, אין אָנגעגליטסטן טאָג
האָט גאָט צו מיר, צו אֶלדדן זײַן קנעכט, גערעדט:
„פון זאַמדן ברעניקע שטײַגט אויף צו מיר אַ קלאָג,
פון מידבר פײַערדיקן הער איך אַ געבעט.

דאָס איז די שטים פון די, וואָס איך האָב אויסדערוויילט —
דאָס יאָמערן די זין פון יעקבס שטאַם:
‚אָ, טאַטע טײַערער, האָסט אונדז געהיילט און ניט דערהיילט,
פאַרלאָזט אונדז אומגליקלעכע צווישן מידבר און דעם ים!'

פון זאַמדן ברעניקע גייט נאָך מיר אָט דער קלאָג,
פון מידבר פײַערדיקן פלעט מיך דאָס געבעט.
טאָ גיי זשע, אֶלדד, דורך דער מחנה און צעטראָג
דאָס וואָרט ס'נביאישע, וואָס ווערט צו דיר גערעדט!"

— איז אָט:
כ'גיי מיט אַ טראָט, וואָס ווייסט ניט פון קיין פחד,
מיט אָט דעם גאַנג, וואָס איז אַ דײַטלעכער אויך אין דער וויסט —
מיט דעם אַ גאַנג, וואָס שריט פאַרשיידענע אַ סך האָט,
און דאָך פון געטלעכער געאייניקטקייט געניסט.

איך גיי פאַרויס — איך טראָג זיך צווישן די געצעלטן,
און ס'וויגט זיך אויף מײַן צונג גאָטס אויסגעלײַטערט וואָרט —
דאָס וואָרט, וואָס עס באַשאַפט, און קען פאַרוויסטן וועלטן,
און וואָס, ווי אַלץ, וואָס געטלעך איז, היפּוכים פאָרט...

איך גיי פאַרויס, איך טראָג זיך צווישן די געצעלטן
און כ'זע אַ וווּנדערטאָג צו מיר גענענט —
אַ טאָג, פאַרקנווילט אין זיך — אַ פּינטעלע, וואָס שליסט אײַן ברייטע וועלטן,
איך כאַפּ אים אויף, דעם טאָג, איך נעם אים אויף די הענט,

כ׳צעוויקל אים, כ׳שפּרייט אים פונאַנדער;
ער ליגט, ווי אַ יריעה, אויף מײַן האַנט:
אַ טאָג אָן הימלשפּײַז, אָן דאָרשט, אָן וואַנדער —
אַזאַ, ווי ער וועט אויסזען אינעם צוקונפטלאַנד...

איך גלעט דעם טאָג, איך גלעט אים מיט געטרײַע פינגער.
זײַן ווייכקייט מילדער פון די ליליעס, וואָס בײַם ניל.
זײַן שיינקייט וואַקסט, מײַן אויג ווערט לויטערער און יינגער,
און איך דערזע, ניט בלויז נאָר, וואָס איך וויל,

נאָר אויכעט דאָס, וואָס כ׳האָב קיין העזה ניט צו וועלן,
וואָס אויך אַפילו אָדם־חוה האָבן ניט געזען
אין בעסטע טעג — ווען זיי נאָך פון גן־עדן העלן
אַרויסגעטריבן זײַנען ניט געווען.

איז דער אַ טאָג — דער טאָג, וואָס דויערט יאָרן
(ניט יאָרן איינציקע, נאָר לאַנגע יובלען יאָר),
ליגט אויף מײַן האַנט, נאָך פ אַ ר ער איז געבאָרן,
ליגט אויף מײַן האַנט, ווי סאַמע עכטע וואָר:

אָט זײַנען פעלדער זיסגראָז — פּעטע לאַנקעס פּאַשע,
פול רינד און קאַלב, און ציגנבאָק, און לאַם.
די מחנה: ראובן, גד און האַלבער שטאַם מנשה,
וואָס איז פאַרבליבן ווײַטלער פונעם ים.

פונקט ווי אַ מאָל די אָבות, האָדעווען זיי סטאַדעס
אויף ד ע ר זײַט פונעם ירדנס שטיינערבעט.
אָ, קי פון בשן, פּעטע, גלאַנציקע און גלאַטע!
אָ, שאָף פון גלעד — שפּע וואָל און זעט!

און ווײַטער — דאָרט אויף מערב פונעם ירדן:
דאָס טײַערסטע פון צוגעזאָגטן לאַנד —
די פרוכט פון בענקשאַפט, די באַלוינונג פאַרן וואַרטן.
ס׳איז יעדער טראָט דאָרטן מיט טרוימזעונג באַטעמט.

פון דרום־עק — פון נגבס באר־שבע
ביז צפונדיקן גרענעץ — דָן
עס צײַטיקט האַרעפּאַשנע שפע,
אַ מי־לעבן שפּאַנט מוסקלען אָן.

מע האַרעוועט. יאָ־יאָ, מע האַרעוועט אין לאַנד דעם פרײַען,
מע האַרעוועט אַזוי, אַז שווייס דאָס לײַב פאַרגיסט.
דערפאַר אָבער עס קומען טענץ אויף אין מחניים,
און מילך־און־האָניק, מילך־און־האָניק פליסט !..

*

— ניט איך רייד, עס רעדט פון מיר.
ניט איך שווײַג, עס וואַרט אין מיר.

ניט איך טראַכט, ס׳געשעט אין מיר.
ניט איך שטראָף, סע שפּאַרט פון מיר !

ס׳איז אַ שוועב און ניט קיין טראָט,
ווען מע גייט, געשיקט פון גאָט.

אײַל איך, מֵידָד, אויפן זאַמד ;
שפּעטלער, דוכט, דאָך ניט פאַרזאַמט.

עפּעס פלאָנטערט זיך די צונג ;
איך — צו אַלט, און זי — צו יונג.

עפּעס שווינדלט מיר דער קאָפּ ;
אַ פאַרשמאַכטער, דראַנג כ׳פאַרמאָג.

און עס יוירט און יוירט אין מיר —
גאָט זײַן וואָרט געבוירט אין מיר :

איר, פאַרקראָכענע אין זאַמד,
אַלע איר, פון קנעכט וואָס שטאַמט,

האָט די ערשטע פרייַע טריט
ניט ווי נייטיק אָפּגעהיט.

אין דעם אָנוועגיקן גאַנג,
ווו עס פירט בלויז דער פאַרלאַנג,

שטעקט אין אייַער נע־ונד
אומגלויבן, צו זיך פאַרראַט...

און דערנאָך — אין כּנען־לאַנד ?
ווידער זינד און ווידער שאַנד :

כ׳זע, אין בית־אל שטייט אַ געץ.
אַ פאַרטעמפּטער בחורעץ,

אָן נשמה — בלויזער גוף —
ברענגט קרבנות צום בעל־זבוב.

כ׳זע, אין ציון שטייט אַ שלאָס.
זייַן געקרוינטער בעל־הבית —

גרעסטער חכם אויף דער ערד —
פאַר די ווייַבער בטל ווערט.

הייב איך ווינע אויף צום ברעם,
זע איך חברון, יפו, שכם,

פול מיט הייַזער העלפאַנדביין,
אויסגעבויטע אויף געוויין.

קוק איך ווייַטער, זע איך פעלד,
וואָס אויף דעם די „פאה" פעלט.

אויך אָט די אַ נעבעכגאָב
רייַסט מען פונעם אביון אָפּ.

קוק איך ווײַטער און כ׳זע צו,
ווי דער קדוש־ברוך־הוא

— שווײַג, פאַרשאָלטענער, פאַרשטום!
ברעך דעם נאַקן, לײַב און לענד!
יעדער גײַסטיקער בעל־מום
שטראָפט און פאָכעט מיט די הענט...

לאַנג שוין נימאס!.. עס דערעסט
צוצוזען, ווי דאָ און דאָרט
יעדער אויסוואָרף זיך פאַרמעסט
צו פאַרגוואַלדיקן גאָטס וואָרט.

נײַע זעערס!.. נאַ דיר גאָר
אֶלדד, מידד אויף דײַן קאָפּ!
אַז צו אַל די שוואַרצע יאָר,
אַז צו דעם עזאָזל־באָק!..

*

—... איז שטייט איר ביידע דאָ אַצינד
אויפן פאַרהער פון שטאַמען און פון זקנים.
ווייסט, אֶלדד, מידד, אַז איר ניט פאַרדינט
דאָס מינדסטע מיטגעפיל פון קיינעם!

זיי שטייען, זקנים, קעגן אײַך
מיט פאַלשע טרערן אויף די ווִיעס.
זאָגט, אֶלדד, מידד, ענטפערט גראָד און גלײַך:
וואָס הייסט עס, יעדער זאָגן ועט נביאות?

צי דען איז משה ניט פאַראַן?
צי זײַנען ניט פאַראַן קיין זקנים?
געהערט אַ ביסל? יעדער מאַן
וועט זאָגן דאָס, וואָס ער, דער שפלער, דערוועגט זיך מיינען...

אָט דאָ, בײַם הייליקן געצעלט,
ווּ ס'רוט דער אָרון מיט די לוחות,
זײַט מודה זיך, אַז איר, פֿאַרדאַרבענע, האָט זיך געשטעלט
אין דינסט פֿון די חרטומים־רוחות.

ניט כליפּע, אֶלדד... און דו, מידד, שרײַ ניט... שווײַג!
ניט העלפֿן וועלן אײַך ניט חוצפּה, ניט חרטה!
דער אמת ווילט זיך גינגאָלדן געצײַג,
ער נעמט ניט קיין מאָל כּלים פֿון דער בלאָטע.

איך מאָן דעריבער, זקנים, אַ באַשלוס,
וואָס זאָל אַן אָנלער זײַן פֿאַר יעדן איינעם,
וואָס ברענגט אויף אייגענעם אַחריות גאָטס אַ גרוס.
פֿאַרשטיינען ביידע זיי!

פֿאַרשטיינען!!

— איין רגע וואַרט נאָר!.. שאַ!..
ניט אײַלט!.. ניט אײַלט זיך סיווע גרײַזן.
איר ווייסט דעם מער פֿון אַ באַשלוס אַזאַ?
צי ווילט איר, זקנים אָנגעזועענע, פֿאַרגרײַזן?

פֿאַרשטיינען זיי? זאָגט מיר פֿאַר וואָס?
איך פֿרעג אײַך. איך — דער זון פֿון נון, פֿון שטאָם אפֿרים.
ניין, ניט דער אמת מאַטערט אײַך, עס נאָגט אײַך אַ פֿאַרדראָס,
ווילט איר מיט אומגערעכטע רייד די קינאה אײַערע פֿאַרשרײַען.

ס'האָט אֶליצפֿן אָקערשט־צונד גערעדט.
האָט ער, דער זקן איידעלער פֿון שבט זבולון,
מיט שטומפּיק אמת־זוכעניש די ערלעכקייט געפּלעט,
אַנשטאָט אַ טיילעכל גערעכטיקייט, געבראַכט אַן אומרעכט פֿולן...

איך קום פֿון משהן איצט. גאָטס מענטש האָט מיך געשיקט,
איך זאָל אײַך מיט דער גאַנצער האַרבקייט פֿרעגן:
פֿאַר וואָס האָט איר אַ צווייטנס וואָרט דערשטיקט?
פֿאַר וואָס, פֿון ווּעמענס וועגן?

איר אַלע, וואָס געזינדיקט האָט בײַם גינגאָלדענעם קאַלב,
געוואָרן איצטער הייליקער זײַט אַזש פון משהן,
כאַטש נעם אַ יעדערן פון אײַך און זאַלב,
כאַטש נעם און טו אים אָן דעם כּוהן־גדולס חושן.

זאָגט, זקנים, וואָס האָט אײַך געשטערט
דאָס וואָרט פון אֶלדד און פון מידד —
דאָס וואָרט, וואָס איטלעכער פון זיי האָט מיט זײַן האַרץ געהערט,
און צוגעטראָגן אונדז מיט פרייד האָט?

איר האָט גאָטס וואָרט, ווי אַ ירושה, זיך צעטיילט,
פאַר אײַך, די מאַכטהאָבערס, אַליין סע זאָל נאָר קלעקן.
צי דען פאַר דעם האָט מען אײַך אויסגעוויילט,
איר זאָלט זיך פאַרן אמת שרעקן?

איר זאָלט ניט קענען הערן, ווי מע רעדט
מיט אויפריכטיקער צונג אָט דאָס, וואָס יושרדיקע קלערן?
איר זאָלט פאַררופן, ווי אַ הימל־שרײַענדיקן חטא
דאָס, וואָס דעם אמת טוט פאַרמערן?

איך קום פון משהן, הערט זײַן וואָרט
(אַ וואָרט אַן עכטס, ווײַל ס׳שרעקט זיך ניט פאַר קעגנווערטער):
איר, אומווערדיקע מאַכטהאָבערס, געמיינט האָט, אַלץ איר טאָרט,
איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרברעך אַן אומגעהערטער!

איר אייפערט צו גאָטס וואָרט? ס׳איז וויל.
סע שטאַרקט און לײַטערט אויס די הערצער אַזאַ אייפער.
נאָר אויב איר צוליב דעם פאַרשטאָפּט אַן אַנדערן דאָס מויל,
דאַן ווערט שוין אײַער גאָט אַליין אַ טרייפער!

עס דאַרף ניט ס׳גאַנצע פאָלק לוויִם זײַן.
נאָר אויב באמת איר ווילט לעבן פרײַ,
ג א ר ט, ס׳זאָל דאָס גאַנצע פאָלק נביאים זײַן!
אַ, הלוואַי!.. אַן־סוף־מאָל הלוואַי!..

*

פופציק פאַלמעס, זיבן קוואַלן.
דאַנקען־גאָט, צו זיי דערגאַנגען!
ס׳איז ניט בלויז נאָר מענטש געפאַלן,
קעמלען זײַנען אויסגעגאַנגען...

זיבן קוואַלן, פופציק פאַלמעס.
שאָטנס פיר אַזש פאַר אַ שבט...
ווען מתים טראַכט דער האַלב־מת:
„ווער, אָ, ווער באַגראָבן זיי ווען?"

דאָך צו וואָס דאָס גאַנצע טראַכטן,
אויב זיי שטײַפע דאָרט פאַרבליבן?
און אָט־דאָ — גן־עדן תחתון —
פאַלמעס פופציק, קוואַלן זיבן.

*

שיין און וווּנדערלעך איז שיטים —
פשוט אומגלייבלעכע פראַכט.
מענטש, ווען טייטלענצוויט באַשיט אים,
פילט ביַי טאָג די קילע נאַכט.

אויף די פינגערדיקע קרוינען,
דוכט זיך, הענגט דאָס גליק אַליין.
מע צעגייט ממש פון שטוינען,
אויף אַזוי פיל איז אַלץ שיין...

און ביַי שיטים, לעבן שיטים
מואַבס טעכטער שפּינען גליק.
יעדער פילט, זײַן האַרץ עס בליט אים,
ווען ער טוט אויף זיי אַ בליק.

שיטים, שיטים — אָרט פון וווּנדער —
אַפּרואָרט און אומרואָרט.

דאָ די מידבר־היץ היצט אונטער
און דער יצר־הרע פאָרט...

*

צום בעל־פעור, צום בעל־פעור
אַלע, אַלע רוקן זיך.
טרייפער ווײַרויך, ווי אַ טכויר
שטינקט, און אַלע בוקן זיך...

צימבלט צימבל צום בעל־פעור,
אַלע, אַלע נייגן זיך.
צימבלט צימבל צום בעל־פעור,
מענער, פרויען לייגן זיך...

צימבל! — צימבל פרעך און דין,
און פאַרשרײַ די טאָפּלזינד:
מואָבס טעכטער, יעקבס זין
תאווה און פאַרראַט פאַרבינדט...

*

— אָט איז די שפּיז.
עס וועט דײַן טוונג, פינחס, דיר געהערן.
דאָך דער געדאַנק, פונקט ווי די שפּיז,
געהערט צו יעדערן פון אונדז.
נאָר זיכער זײַן! און היטן זיך,
דער צווייפל זאָל דײַן האַנט ניט שטערן —
ד אָ ס איז דער קונץ!

די גרויסע ליבשאַפט
צו דײַן שטאָם פאַרמאָגסטו;
דײַן זײַן אַ כּוהן
איז פאַר דעם ווי צוגעפּאַסט...
אויב דעם, וואָס האָט פאַרראַטן
און איז אָפּטריניק, דערשלאָגסטו,

איז ניט אומזיסט,
וואָס דו האָסט זיך געהייליקט און געפּאַסט.

די שפּיז איז שאַרף,
זי האָט איין ריכטונג,
פּונקט ווי אונדזער ווילן.
זי איז אַזאַ,
ווי אונדזער יוגנטלעכער דראַנג.
עס מוז דײַן האַנט,
ווי זי אַ יעדערנס פון אונדז וואָלט זײַן,
זיך פילן,
כּדי דאָס טייטן זאָל ניט זײַן קיין מאָרד...
געבענטשט זײַ!
גיי דײַן גאַנג!..

*

— כ'דריק, שפּיז, צו צו דיר מײַן שטערן,
און דײַן גליוועך קילט מײַן קאָפּ...
דאָך איך הער ניט אויף צו הערן:
„רעכן אָפּ זיך! — גיי צאָל אָפּ!"

אַלע גלידער — אָנגעצויגן,
אַלע אָדערן — געשפּאַנט.
האַנט שפּירט שאַרפן גלי פון אויגן,
אויג פילט מינדסטן קראַמף פון האַנט.

אַלץ איז שלמותדיק געאייניקט,
אַלצדינג — ווי צום פּלאַצן, רײַף;
האַרץ — פון וואַקלעניש גערייניקט,
און די שפּיז — אין האַנט פאַרשטײַפט!

*

— אַ, בלויקייט פון הימל, אַ, געלקייט פון זאַמד,
אויב איך צו פאַרהיטן פון שאַנד האָב פאַרזאַמט,

איז מוז איך אַצינד כאַטש, הגם ס'איז שוין שפּעט,
מיט בלוטן פאַרוואַשן דעם שרעקלעכן חטא.

אַ, בלויקייט פון הימל, אַ, געלקייט פון זאַמד,
אַ, גרינקייט פון פּאַלמעס, מײַן בלוט איז פאַרסמט.

אַ כּוהן, אַ שליח פון דור, וואָס איז יונג,
איך גיין מוז צו הערן דעם שרעקלעכן קלונג

פון שטאָל פון דער שפּיז אויפן ביין פון אַ ריפּ;
מיט שׂינאה דערווײַזן, ווי גוואַלדיק כ'האָב ליב

דאָס הויז פון ישׂראל, וואָס ווערט איצט דערלייזט
פון גושנער קנעכטשאַפט, פון מיצרישן בייזס!

אַט זײַנען זיי טאַקע... עס טומלט און דולט —
געשריי פּרוּווט פאַרשטעלן די שענדלעכע שולד,

אַ הפקרדיק לאַכן צעשיט זיך, ווי באָב,
און פאַלט, ווי אַ האָגל, אויף ניכטערנס קאָפּ

(ס'איז לאַכן אַ מיטל, און שמייכל — געוווער...)
סע שטייט בעל־פּעור, ווי פאַרגולמט נאָך מער;

געכאַפּט אַזאַ פאַנג אין זײַן גליטשיקער נעץ,
ער גאַפּיעט נאָך טעמפּער, דער קופּערנער געץ...

און ווידער אַ טומל, און ווידער געזאַנג,
און ווידער אַ לאַכן אומאויפהערלעך לאַנג,

און ווידער אַ בלינצלען מיט ווײַסלען, פול לוסט,
אַ גלוסטיקע האַנט — אויף פרעמדשטאַמיקער ברוסט,

און ווידער, און ווײַטער, און ווידער אַזוי...
אַט איז ער... אויך זימרי מיט מואַבס אַ פרוי.

אויך ער פאַר אַ מואַבקע האַט שוין געקניט,
און שלעפּט זיך מיט איר מיט געגנבעטע טריט.

יאַ, זימרי... אַ, זימרי, אַז ווי איז און אַך!
גיי, זימרי, מיט איר. עס גייט פּינחס אײַך נאָך...

אַ פּאַלמע פון לינקס און אַ פּאַלמע פון רעכטס,
און צווישן: אַ דײַטלעכע סטעזשקע צום שלעכטס.

אַ, זימרי, דײַן איטלעכער טראַט פירט צום בראָך.
גיי, זימרי, נישקשה, ס׳גייט פּינחס אײַך נאָך...

צוויי קוואַלן — פון איין זײַט, פון צווייטער — אַ קוואַל,
אין מיטן: אַ גאַנג צום פאַרראַט און צום פאַל.

האָסט, זימרי, פאַרהוליעט סײַ חוב און סײַ יאָר.
גיי, זימרי, נישקשה, ס׳גייט פּינחס אײַך נאָך...

נו, יאָ... צום געצעלט... איר מוזט בלײַבן אַליין,
ווען תּאווה ווערט גרויס, און געטרײַשאַפט איז קליין,

ווען אויסגעהוילט אַלץ איז פון זינען און תּוך;
גיי, זימרי, נישקשה, ס׳גייט פּינחס אײַך נאָך...

אַרײַן און פאַרצויגן די פעל פון געצעלט,
פּחדנותדיק זיך פון חברים פאַרשטעלט...

פון דעסטוועגן, זימרי, פון דעסטוועגן דאָך
סע זעען חברים. ס׳גייט פּינחס דיר נאָך...

אין צײַטן די שווערסטע, ווען ס'שטייען אין קאָן
סײַ פרײַהייט, סײַ עתיד, אַ שפּײַ האָסט געטאָן

אויף ליבשאַפט צום שטאַם, אויף געטרײַשאַפט צו פרײַנד,
די טײַערע צוקונפט פאַרשענקט האָסט דעם הײַנט...

איצט פינחס גייט נאָך דיר, דעם אַפּצאַל טראָגט נאָך —
ס'האָט יוגנט באַשלאָסן, דיר שיקן איר שטאָר...

איז נאָ!.. און נאָך פאַר ס'האָט געפּלאַצט דאָס געשריי,
אַ פלײַקע שפּיז איז דורך בײַכער דורך צוויי...

— בלײַב, זימרי, פון שרעקלעכסטער מיתה געפּלעפט —
צום ווײַב פון דײַן פאַל אַזוי שענדלער באַהעפט!..

*

— אַוועק פון דאַנען העט!.. וואָס האָט איר זיך צונויפגעקליבן?
וואָס איז דאָ אַ בייז־ווּנדער אײַך? אַוועק!.. אַוועק!..
דאָס ליב האָבן געפאַלנקייט האָט אײַך אַהער צונויפגעטריבן,
פאַרשאָלטענע, פאַרדאַרבענע, פאַרפאַלענע אין וועג...

וואָס זאַמלט איר זיך דאָ? אַ גליק איז אײַך געשען:
ס'ליגט זימרי צוגעשפּיליעט צו דער מִדיָנקע בת־צור...
וואָס דאַרפט איר דאָ? וואָס האָט איר ניט געזען —
אַ נואף מיט אַ הור?..

— „אַ נואף מיט אַ הור"... ניט שטופּ זיך, דו שאַקאַל.
ניט הייב אויף עלטערע קיין האַנט!
איך לאָז, יונגאַטש, דיך מיטן קאָפּ אַראָפּ אין קוואַל,
כ'באַגראָב דיך אינעם זאַמד!

אַ צײַט געוואָרן... יעדער שנעק
מיט חוצפּה שפּרינגט אַקעגן גרויע בערד...
גיי, ממזר־בן־הנידה, בעסער שוין אַליין אַוועק,
דו האָסט געהערט?

ניטאָ אין ערגעץ ניט קיין רו פון זיי,
פון זייער רימען זיך: „נאָר מיר, נאָר מיר, נאָר מיר!"...
אַז אָך און וויי, אַז ווינד און וויי
צו זייער ייִנגלשן און היצקעפּיקן פּיר!

פּונקט ווי די אייזלען אײַנגעשפּאַרט זיך: נ אָ ר פּ אָ ר ו י ס!
מעג זײַן: דורך טויט,
מעג זײַן: צום טויט —
אַלץ איינס איז זיי... סײַ ווי
עס גייט זיי נאָך ישׂראלס הויז
הכנעהדיק, געהאָרכיק, ווי דאָס פֿי...

אַן עק!.. אַ סוף זאָל נעמען שוין צו דעם!
גענוג, סע זאָלן ייִנגלעך פֿירן פֿאַר דער נאָז!!

— וואָס שווײַגט איר, יאַטן? טוט אַ נעם!
— לאָז אָפּ!.. איך זאָג דיר: לאָז!
— נאַ דיר אַ „לאָז",
דײַן רויטע יויך זאָל טאָן דיך אַ פֿאַרגאָס!..
— הערט אויף, אַוועקט פֿון אים!
סע קלעקט, סע קלעקט פֿאַר אים!
— ניין־ניין, ס'איז קנאַפּ,
וועט ער ניט העצן מער.
— וואָס „קנאַפּ"? דו קלאַפּ,
וועט ער ניט בוקן זיך צו געצן מער...
— מיט גוטן כ'זאָג: ניט ברעך די קני!
— וואָס הערסטו אים? דעם שלייף פֿאַרצי!.:
— אָ, פּרעה־שקלאַף, דו נידערטרעכטיקער,
פֿאַרקנעכטיקטער פֿאַרקנעכטיקער,
פֿאַרמיזאוסער פֿון שטאַם!
נאָך דאָרט, נאָך דאָרט —
אין גושן נאָך, בײַם ים —
געשעדיקט האָסט מיט דײַן צ ע ק ר אָ כ ן וואָרט,
דו נישטיקע, דו גאָרנישטיקע לויז!..

— לאָזט אָפּ! לאָזט אָפּ, איר שענדערס פון ישׂראלס הויז!
— אַניט?
— אַניט?.. נאַ דיר „אַניט"!
— נאַ דיר פאַר אַלע איבעריקע אויסלייזטריט!
— אַ, הונט,
פאַרלאָשן ווערן זאָל דײַן ליכט!
— זעט־זעט, זעט־זעט נאָר, ווי דאָס קריכט...
עס איז דיר קנאָפּ די ווונד?
באַקום!.. אָט האָסטו דיר פאַר אַלץ, פאַר אַלץ!..
— ניט ווערג דעם האַלדז!!
— לאָז אָפּ דעם ראָק!
— נו, פּרוּוו —
פּרוּוו שלאָג!..
— מיט פאַרגעניגן
טאַקע כ׳פּרוּוו...
נו? גוט צו ליגן?
קענסט, שטיי אויף...
— איך קען! קען דו נאָר,
אין לײַב און לעבן דיר אַ דונער!
— נאַ דיר פאַר אַלע וויסטע וואַגלטעג!
— און דיר פאַר דײַן פאַרראַט אין מיטן וועג!
— באַקום פאַר ניט־געגאַרטע אויסלייזטריט!
— און דו — פאַר דעם, וואָס אַלץ צוריק איר ציט!
— פאַר פּײַן, פאַר לייד, פאַר ווײ און צער!
— פאַר דער געפאַר...
— פאַר... — פאַר...
— פאַר... — פאַר...
— פאַר... — פאַר...
— דערפאַר!...

— תּרועה!.. תּרועה!..
אין וועג אַרײַן!
אין וועג אַרײַן!
תּרו — עה — ה!!..

*

„אין דער גרוב איר זעט אים שטיין...
מיט פאַראַכטונג וואַרפט אַ שטיין!
וואַרפט אַ שטיין — ניט סתם אַ שטיין,
וואַרפט אַ שטיין — אַ ב י י ז ן שטיין!

קלײַבן שפּענער... פרעגט זיך, ווען?
שבת איז אַזוינס געשען...

וואַרפט אַ שטיין, צעשויבערט אים.
איר דערמיט דאָך זויבערט אים!
וואַרפט און שפּאַלט זײַן שאַרבן אים,
קוויקט זיך מיט זײַן שטאַרבנשטים!..

שבת־קודש. אַלצדינג רוט,
ע ר, ווי אין דער וואָכן, טוט...

וואַרפט אַ שטיין! אַ שטיין אין אים!
קיינער וועט באַוויינען אים.
זיך און אים ט׳איר רייניקן,
אַז איר ט׳אים פאַרשטייניקן.

ס׳פּאַלגט גאָטס וואָרט דער גאַנצער כּלל.
ע ר האַלט: ס׳איז אויף אים ניט חל...

וואַרפט אַ שטיין אַ וואָגיקן,
וואַרפט אַ שטיין אַ שלאָגיקן!
מיט אַ קלאַפּ איינוויליקן
זאָלט איר אים פאַרטיליקן.

נאָר ז ײַ ן שלעכטס טאָן שלעכטס איר טוט.
אויף זײַן קאָפּ — זײַן אייגן בלוט!

וואַרפט אַ שטיין! ניט סתם אַ שטיין.
וואַרפט אַ שטיין — אַ ב י י ז ן שטיין!

זאָל ער, שטאַרבנדיק פאַרשטיין,
וואָס ס'הייסט קעגן כּלל צו גיין!!"

*

פרימאָרגן־צײַט. עס קאַטעווען נאָך ניט די זונענבײַטשן.
דאָס גיין איז מיט אַ מאָל גאָר ניט קיין פּלאָג.
נאָר עפּעס פון קאַיאָר גענומען האָט מען הײַנט אַלץ טײַטשן,
ווי צייכנס פאַר אַן אויסטערלישן טאָג:

אַט זײַנען שנירלעך פּוסטריט פון שאַקאַלן,
וואָס ענדיקן זיך פּלוצעם — בלײַבן אָפּגעהאַקט;
אַט איז אין מיטן וויסטעניש אַ טוי אַרויסגעפאַלן,
און אַט אַ פליגל פון אַ היישעריקל קנאַקט...

ס'איז אויסטערליש... ניט לייקנט, עפּעס שפּירט זיך...
דו פילסט עס, צי דו טראַכסט דערפון, צי ניט.
ווער ווייסט, דײַן חוש, ער פירט דיך, צי פאַרפירט דיך?
דו שטייסט עפּעס, ווי אין דער מיט...

וואָס וועט דאָ זײַן?.. אָ, עפּעס־וואָס געשעט דאָ.
יאָ, עפּעס־וואָס געשעט, הגם אויך גאָרנישט ווערט.
פון שווערן סודות־דרוק איז אַלץ געפּלעט דאָ,
און פּלוצעם מע דערהערט:

— קוקט, ברידער... זעט!
איר זעט?
איר זעט אַ וואַנט דאָרט?
און הינטער איר — אַ צווייטע און אַ דריטע וואַנט...
אַהאַ!.. שוין ניט אומזיסט האָט מען געוואַנדערט —
דערגרייכט דאָס צוגעזאָגטע און געגאַרטע לאַנד...
— אַט זײַנען טייטלען, אײַלבערטביימער, צעדערס,
און ווײַטער — שורות זונרויזן איר זעט?
אַהאַ!.. אַצינד סע זעט שוין יעדער, יעדער,
ווי גאָטגעבענטשט זי איז, די ערד, און פעט.

— זעט־זעט די ווייַנשטאָקן, די וווּנדערלעכע טרויבן,
ווי גרויס די הענגלעך זייַנען און ווי שווער!
איר ניט געוואָלט האָט די מרגלים גלייבן;
איר האָט גאָר שטילערהייט געהאָפּט, מע וועט ניט אָנקומען אַהער...

כּנען־זעונג!..
ליבסטע שייַן!..

— וואָס טראַכט איר אויס? וואָס רעדט איר אייַן זיך: כּנען!
צי איר בכּיוון זוכט צו זייַן פֿאַרבלענדט?
ניין, ניט דערוויַיזן וועט איר אונדז מיט נאַרישע „אַהאַ״ען!
צי דען דערקענט איר ניט די ווענט?
געזעענע דיביימער, דוכט, געהערט איז זייער רוישן,
טאָ וואָס זשע שאָקלט איר אַן אייַנגעעקשנט אייזעליש געניק?
איר זעט דאָך דייַטלעך, עס איז גושן
(מיט גוטן ניט געוואָלט, האָט מען פֿאַרבלאָנדזשעט אויף צוריק...)
— קלאָר — ווי גאָט לעבט — די ווענט זייַנען פֿון פּיתום.
— אַ פֿראַגע נאָך? כ׳דערקען די ציגל און די ליים...
עס איז מצרים־לאַנד, און זאָל עס אייך פֿאַרדריסן,
מיר פֿרייען זיך; ס׳איז אונדזער אַלטע ליבע היים —

אַלטע זעונג!..
נאָ׳נטע שייַן!..

— אַ, גרויע לײמקנעטערס, איר קענט עס ניט באַנעמען?
ווי קען עס פּיתום זייַן? דערוויַיטערט שוין אויף פֿערציק יאָר...

— וואָס גייט׳ס אונדז אָן, וואָס אַרט עס ווענען?
אַבי ס׳איז וואָר...
מיר זעען דאָך, דערקענען דאָך די פּרוכט פֿון אונדזער פֿראַצע,
אין נאָזלעכער גייט אויף דער ריח פֿונעם שווייס.
אָט דאָרט, איר זעט? אָט דאָרטן האָבן מיר געבאַקן מצה —
אָט דאָרט אין זאַמד, ווי פֿייַער הייס...

— ס׳איז כּנען!
כּנען!
כּנע־ע־ן,
זאָגט מען אײַך, פאַרשאָלטענע עבדים!
אַזוי זעט פּיתום אויס? ווו האָט איר דאָרט געזען אַזאַ אַ פּלאַץ?

נאָר פּלוצעם ווערט, ווי אָפּגעהאַקט דער אָטעם,
און אַלצדינג פּלאַצט —
ניטאָ קיין ווענט, ניטאָ קיין שטאָט, ניטאָ קיין גערטנער,
ניטאָ קיין סימן פון אַ בוים צי פון אַ הויז.
עס האָט גאָר קיינער ניט געזען, מע האָט עס, דוכט געהערט נאָר —
ס׳איז אַלצדינג אויס...

מידבר־זעונג — וויסטע שײַן!
אויסדוכט־זעונג — פאַלשע שײַן!..

*

„נאָך לאַנגן וועג, נאָך שווערע טעג, נאָך יאָרן, יאָרן וואָגל,
איך ברענג אַצינד צו אײַך מײַן לעצטע שעה.
כ׳האָב פערציק יאָר געזאָגט, וואָס כ׳האָב געהאַט צו זאָגן,
און דאָך איז איצט אַזוי פיל נאָך צו זאָגן דאָ...
כ׳שטיי אויפן באַרג. דעם לעצטן טראָט געשטעלט.
פון אויבן כ׳וואַרף אַ בליק אַן אויסגעשפּרייטן.
דער טרוים ווערט וואָר... דאָס האַרץ עס קוועלט...
און איך געקומען בין צו אײַך איצט זיך אַליין באַגלייטן.
ניט מיינט, ס׳איז גרינג. אַ, ניין, ס׳איז זייער שווער!
דער מענטש בלײַבט מענטש, אויך ווען ער שטייט דער ערשטער.
זײַן שטאַרקייט — מער, זײַן שוואַכקייט — מער;
און יעדער הערשער איז צוגלײַך אויך אַ באַהערשטער.
יאָ־יאָ, איך שטאַרב... איך גיי פון אײַך אַוועק.
איך שרעק זיך ניט. פאַר דעם ווערט מען געבוירן...
אויב כ׳פיל איצט שרעק, איז עס דער שרעק:
ווי וועט איר נאָך מײַן פעלן זיך באַהערשן אײַער גורל?
כ׳האָב שוין געזאָגט: איך בין אַ מענטש,

און אַל דאָס מענטשלעכע אויך מיר איז אייגן —
מײַן ווײַב איך ליב, מײַן קינד איך בענטש,
איך וויל מײַן נאָמען, ווי אַ ציגל, אין דער צוקונפט לייגן,
נאָר דאָך!.. נאָר דאָך פֿאַראַן עס איז אַזוינס,
וואָס קעגן דעם ווערט אַלצדינג בלייך און בטל.
דאָס איז מײַן ליבשאַפֿט צו ישׂראלס הויז,
מײַן דאגהן פֿאַר די נאָר וואָס אויסגעלייזטע שבטים.
מײַן לעבנס גאַנג, מײַן מאַרך און האַרץ, און צײַט
אויף אייביק כ׳האָב מיט אײַך פֿאַרבונדן.
מיט אײַך צוזאַמען כ׳האָב אויך זיך באַפֿרײַט,
מיט אײַך האָט מיך די מידבר־היץ געשונדן...
נאָך דעמאָלט — אינעם קעסטעלע, וואָס אויפֿן טײַך, —
ווען כ׳בין אַן עופּעלע אַ יתומדיקס געשוואומען,
בין איך געשוואומען שוין צו אײַך.
פֿאַר אײַך בין איך אין פּרעהס הויז געקומען,
פֿאַר אײַך געטייט כ׳האָב און באַהאַלטן אינעם זאַמד.
געטאָן דאָס שרעקלעכסטע, אויב נאָר געווען פֿאַר אײַך ס׳איז נייטיק.
כ׳האָב ווי געטווישט מיט אײַך — כ׳האָב נאָך אַנאַנד
געגעבן אײַך געטרײַשאַפֿט, און באַקומען ווייטיק.
נאָר ניין!.. ניט מורמלט, אַז באַקלאָגן זיך איך מיין.
חלילה, ניט אַזוינס בין איך איצט אויסן!
איך דאַרף פֿון אײַך ניט קיין חרטה, קיין געוויין,
נאָר כ׳וויל, אַז פֿאַרגעדענקען זאָלט איר, ווי אַ טאָג אַ גרויסן
דעם טאָג, ווען איך מיט אײַך זיך שייד,
און אײַנגעקריצט אין אײַער האַרץ פֿאַרבלײַבן זאָלן מײַנע לעצטע ווערטער:
נאָך דעם, ווי איר אין מידבר האָט ווי שלאַנגען זיך געדרייט,
זאָל גלײַך זײַן אײַער גאַנג אין מײַנע, ווייַ מיר, ניט דערבענקטע ערטער...
אָ, וויפֿל זינד... באַנעמט נאָר וויפֿל, וויפֿל זינד
ס׳איז יעדערער פֿון אײַך באַגאַנגען!
ווּ פֿרײַהייט, ווּ? איר קנעכטשאַפֿט ניט פֿאַרדינט!
איז דען אַ ווּנדער, וואָס מען איז נאָך ניט דערגאַנגען?
אָט גאַרט איר פֿלייש... איר זײַט, דוכט, זאַט,
נאָר גיב אײַך פֿלייש, ווײַל ס׳איז אַזוינס געווען אין פּיתום...
אײַ עס איז מידבר — נע־ונד?..

ווי קינדער אויסגעפּעסטעטע, איר ווילט פון גאָרנישט, גאָרנישט וויסן...
אָט שטיי איך אויפן באַרג און לוחות קריץ —
כ׳האָק אויס אויף זיי די אייביקע געבאָטן,
און איר מיט אַ התלהבותדיקער היץ
טוט אונטן פאַר אַ געץ קרבנות בראָטן...
אָט קומען די מרגלים אָן צוריק;
איך קוק אויף אײַך, באַטראַכט אײַך יעדן, יעדן,
און כ׳זע, אַז ס׳איז פאַר אײַך דאָס העכסטע גליק,
וואָס צען פון זיי דאָס לאַנד באַרעדן...
אָט איז רפידים. דוכט, איר רוט
(דער גאַנג געווען איז דאָס מאָל אַ באַזונדערש שווערער),
נאָר פּלוצעם גאָר באַקומט איר — קליינמוטיקע — מוט
צו זײַן אַקעגן מיר פאַרשווערערס:
„גיב וואַסער אונדז! אַלץ איינס איז אונדז פון וואַנען!״
„גיב וואַסער!״ פאָדערט איר געמיין.
„אויב ס׳איז ניטאָ קיין קוואַל, אויב ליידיק זײַנען קאַנען,
צאַפּ פון אַ שטיין!״...
אַזוי אַ אָן אַ סוף — אָן אויפהער און טאָג־טעגלער...
אַ גאַנצער מידבר איז מיט ווידערשפּעניקונג באַדעקט.
פּונקט ווי די זעמדלעך איבערציילן ס׳איז ניט מעגלער,
דערציילן אײַער זינד אַ לעבן־לאַנג ניט קלעקט.
איך קוק צוריק: ס׳האָט פערציק מאָל געמאַכט די זון איר קרײַז,
און אין דער היץ, וואָס איז געבליבן אַלץ אַזאַ פאַרעקשנט־זעלבע,
האָט טויזנט מאָל געהאַט באַדעקט די הערצער אײַז —
געדינט האָט מען צו געצן און צו קעלבער...
פאַר וואָס? איך פרעג עס פונעם באַרג אַראָפּ, ערב מײַן טויט.
אַ צ י נ ד און פונעם באַרג, וווּ ס׳איז דער זעקרײַז ברייטער:
פאַר וואָס זײַט איר אַלץ, ווי געקראָכן פון דער הויט
צו טאָן רק שלעכטס, רק צוגעבן מיר ווייטיק?
פאַר וואָס זײַט איר אין בייז טאָן אַזוי רײַך?
איר זײַט דאָך ווײַט גאָר ניט אַזעלכע שלעכטע.
פאַראַנען גרויסמוטיקע צווישן אײַך,
אַזוי פיל טרוימערישע, גוטהאַרציקע, עכטע.
פאַר וואָס?.. די קנעכטשאַפט רופט זיך אָפּ!

מצרימס ליים — דאָס שווערע קנעטן, ברענען ציגל.
פאַרשקלאַפטקייט וואַרפט מען ניט, ווי אָנטועכץ, אַראָפּ,
אויף ס׳גאַנצע לעבן איז געשטעלט איר זיגל.
געבוירן, ווי אַ קנעכט, געוואַקסן אונטער בײַטש און רוט,
און אָנגעאָטעמט פולע לונגען מיט הכנעה,
האָט אומווערדיקער שווייס פאַראומווערדיקט דאָס בלוט,
געוואָרן איז הכנעה אַ הנאה...
ווער ס׳האָט גלײַך פון דער וויג שוין אָנגעטראָפן שרעק,
און ווי אַ הונט געכאַפּט זײַן נעבעכדיקן פרישטיק,
ער קען ניט ביז צום סוף פון זײַנע זיקנה־טעג
באַפרײַען זיך דערפון, וואָס ער געווען איז נישטיק.
אַזוי איז מיט אַ מענטש. הײַנט ווער רעדט נאָך אַ דור —
אַ גאַנצער, גאַנצער דור מיט שטאַמען, הויזגעזינדן,
וואָס האָט געקנאָטן ליים, און וואָס געוווּסט האָט נאָר
אַראָפּנייגן דעם קאָפּ און אויסשטרעקן דעם הינטן...
גענומען האָב איך אים, דעם דור, פון שקלאַפנהויז,
אַרויסגעפירט כ׳האָב אים פון הינטער וואַנט און ריגל..
איז ער מיט מיר אַרויס. געווען די שעה איז גרויס —
געפּליעסקעט האָט דער ים, געטאַנצט האָט באַרג און היגל.
געפונען כ׳האָב פאַר אײַך דעם וווּנדערלעכן וועג,
דעם היילנדיקן גאַנג פון קנעכטשאַפט צו דער פרײַהייט.
האָט איר פאַרשמוצט די נעכט, פאַרפלעקט די העלע טעג,
דעם שמייכל, וואָס מאַכט יונג, פאַרקרימט אין אַ העוויה.
אַזוי, ווי ס׳טוט דער ים, וואָס וואַרפט זיך אויפן ברעג —
אַ כוואַליע גייט פאָרויס און ציט זיך אויף צוריק באַלד,
אַזוי איז אײַער מוט. בײַ יעדן אָנהייב וועג
ער הייבט זיך אויף אַ ווײַל, און ווידער גלײַך צוריק פאַלט.
שוין פולע פערציק יאָר, ווי עס אַזוי געשעט;
כּסדר — יאָר נאָך יאָר, טאָג־טעגלעך און אָן אויפהער.
עס העלפט ניט, וואָס מע שטראָפט, אומזיסט איז, וואָס מע רעדט.
פאַרשרײַען ווערט דער קלאַנג פון יעדן פרײַהייט־שופר.
אַ יעדער טראָט פאָרויס, ער וואַקלט רעכטס און לינקס
(אויב ער לאָזט זיך ניט אויס מיט פשוטן צוריקגיין).
אַזוי גייט מען פאָרויס? — אַ פנים, ווי מע הינקט...

ווי קען אים — אַזאַ גאַנג — די אויסלייזונג באַגליקן ?
די קנעכטשאַפט רופט זיך אָפּ! די קנעכטשאַפט רופט זיך אָפּ!..
דער אומוווערטיקער שקלאַף בענקט אויף דאָך נאָך זײַן יוגנט;
און כאָטש עס ווײַזט זיך אויס, הגם עס דוכט זיך אָפּ,
ער מיט זײַן איצטיק לעבן זיך באַנוגנט,
דערמאָנט ער זיך די טעג, ווען ער געווען איז יונג.
סע שטייט געצערטלט אויף די שפּלע דערמאָנונג...
דאָס איז דער ערשטער צונד — דער גורלדיקער פונק,
וואָס זיך צעוואַקסט און ווערט דער פלאַקערפלאַם פון מאָנונג.
דער שקלאַף דערפילט זיך שטאַרק צו זאָגן, וואָס ער גאַרט —
מיט חוצפּה־רייד ער מאָנט דאָס נײַע אָפּצווישן.
דער קנעכט, וואָס זיך דערמאָנט, אַכזריותדיק זיך נאַרט
(ער טוט, אַחוץ דעם כּלל, אויף זיך אַליין צעמישן).
באַנעמט זשע איר אַליין: זעקס הונדערט טויזנט קנעכט
אַרויסגעגאַנגען זײַנען פון מצרים,
און יעדער זיך דערמאָנט, און יעדערער פאַרשוועכט,
און יעדער איינער שטערט דאָס נײַע זאָל געדײַען.
צי איז אַ וווּנדער דען, וואָס אונטער שטאַרקן שטראָם,
וואָס האָט ישׂראלס הויז געפירט צו כּנענס פרײַהייט,
איז ווי אַן אונטערשטראָם, איז ווי אַ קעגנשטראָם,
די גאַנצע צײַט געווען דער שקלאַפנדראַנג פאַרטײַעט?
דער אייבערשטראָם — פאָרויס, דער אונטערשטראָם — פאַרקערט,
דער אויבנגאַנג — ער פירט, דער אונטנגאַנג — דערלאָזט ניט.
דאָס גאַנצע גיין פאָרויס צעמישט ווערט און פאַרשטערט.
כאָטש עס איז קלאָר די זינד, קיין שולדיקן אָפּט האָסט ניט...
געבאָרן איז מען קנעכט — ד אָ ס ווייסט מען אויף געוויס.
געוואָרן איז מען פרײַ — ד אָ ס דאַרף מען ערשט באַנעמען..
סע ספּקט נאָך דער קאָפּ. דערפאַר טאַקע די פיס,
זיי טוען אין אַ זײַט כּסדר זיך פאַרנעמען...
דאָך צײַט שמעלצט איבער אַלץ. אַוועק גייט יאָר נאָך יאָר,
עס וואַקסן יונגע אויף מיט ווערדיקע באַגערן.
מע גייט שוין נאָר פאָרויס. עס פירט דער נײַער דור,
די אַלטע גייען מיט און שטערן ניט... דאָך שטערן!
זיי שטערן, ניט דערפאַר, ווײַל זייער האַרץ איז שלעכט;

זיי שטערן, ניט דערפֿאַר, ווײַל זיי אַזוינס באַגערן.
זיי האָבן אַן אַמאָל, וואָס איז פֿון יאָר פֿאַרשוועכט,
און אָפֿט מיט ליבשאַפֿט אַזש דערמאָנען זיי די טרערן...
כּל־זמן אַזוינס געשעט — ווי לאַנג ס׳האַלטן נאָך אַן
זכרונות פֿון אַ שקלאַף, נאָך שיפֿלות־טעג אַ בענקען,
האָט קיין ממשות ניט וואָס מע האָט אויפֿגעטאָן.
ס׳פֿאַרמיאוסט און ס׳צעשטערט דאָס ניבזהדיקע בענקען.
פֿאַרשטענדלער, דוכט, אַן רייד!.. ס׳איז טרויעריק, דאָך קלאָר ·
אַן אמת, וואָס מע קען אים ניט פֿאַרהוילן:
ניט שולדיק איז דער דור — מצרימס לעצטער דור,
דאָך גורם איז ער, יעקבס הויז זאָל פֿוילן.
איז מוז ער... יאָ, ער מוז ביז לעצטן מאַן אַוועק!
ניט שטראָף מיך, גאָט! איך זאָג עס אָפֿן, אָפֿן, אָפֿן:
מיר, אַלטע, דאַרפֿן פֿרייען זיך, וואָס ס׳עקן אָפּ זיך אונדז די טעג,
ס׳דאַרף אונדזער שטאַרבן זײַן דער תּוך פֿון אונדזער האָפֿן,
ווײַל מיר — מיר זײַנען שוין דער לעצטער שטער —
די לעצטע שטרויכלונג אינעם וועג צו כּנענס הייכן.
אין יענעם טאָג, ווען ס׳וועט דער לעצטער שקלאַף ניט ווערן מער
אין יענעם גרויסן טאָג וועט מען דאָס לאַנד דערגרייכן!..
געבליבן זײַנען מיר פֿון שקלאַפֿן־דור ניט פֿיל,
און הײַנט עס איז מײַן לעצטער טאָג געקומען.
מיט שטאַרקייט, מיט אַ יום־טובדיק געפֿיל
איך האָב אויף זיך דעם שווערן אומקום־גזר גענומען.
אויך איר, די איבעריקע לעצטע, מוזט פֿאַרשטיין,
אַז אַל דאָס אַלטע אָפּצושטאַרבן איז געצוווּנגען.
דאָס לעבן פֿײַנט האָט אויף אַן אָרט צו שטיין
און עס האָט ליב געהערן צו די יונגע!״

ווילנע, מײַ־יוני 1948,
און (נאָך זיבן יאָר צוואַנגלאַגער) יולי־אויגוסט 1956

אינהאַלט

דער טורעם פון בבֿל	5
מולך	19
סדום	27
אָדם	47
קַיִן	50
קַיִן, נעבעך...	51
נאָכן מבול (אָדער דער שיכּורער נח)	53
אַבֿרהמס קרבן	60
נאָך דער עקדה	76
יעקבֿס חלום	91
דער ברענענדיקער דאָרן	93
פּרעהס חלום	96
שמשון	98
יפּתּח	103
עלי	118
שאָול	123
די פּיראַמידע־בויערס	131
דער דור־המידבר	136